גליון

# באור החיים

פרשת נח - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתנ"ב

ידנא לאור ע"י - איחוד תלמידי וחסידי טאהש

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
**משפחת קרויס שיחי'**
לע"נ האשה החשובה מרת חי' פעסיל בת ר' חיים ע"ה קרויס
יארצייט ביום ג' לך - ו' חשון הבעל"ט
ובזכות זה יתברכו הנדבנים החשובים בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבם לטובה אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **ישראל מרדכי קרויס** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת אירוסי בנו החתן יעקב אלימלך נ"י מתלמידי ישיבה"ק למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### שבת קודש הוא זמן לדבק להשי"ת

**נח איש צדיק תמים היה בדורותיו.**

איתא בתיקו"ז, "נח בא שבת דביה ניחא דכולא", אפשר לרמז בזה, דאפילו יש לאדם בימי השבוע דברים שמטרידות אותו, ויש לו כמה מניעות שאינו יכול לעבוד את השי"ת כראוי, לזה נתן הקב"ה את השבת קודש לדבקו ולעובדו, כי שבת קודש הוא גאולת הנפש, גאולה בתוך הגלות, כמו כשבני ישראל היו במצרים ולא היו להם פנאי לעבוד את השי"ת היה משה פעל להם שיהיה יום השבת זמן לנוח מן העבודה, כן בכל דור ודור השבת הוא מיוחד לנוח מן העבודה הגשמיות ולהידבק ברוחניות.

וזהו רמז לנו הפסוק, "נח" זהו יום השבת, "איש צדיק", דביום השבת יכול האדם להיות צדיק, אע"פ שהיה טרוד בששת ימי המעשה בפרנסה ובדברים אחרים, וג"כ רמז לנו הפסוק דע"י השבת קודש יכול להשריש בלבו קרבות לה' כדי לעבוד אותו בכל ימי השבוע, וזהו "נח" – ע"י השבת קודש, "איש צדיק" יכול להיות מכאן ולהבא איש צדיק.

(עבו"ע שפת"ק נח)

### כשאדם עובר עבירה הוא גוזל תענוג מן הנשמה

**ויאמר אלקים לנח קץ כל בשר בא לפני כי מלאה הארץ חמס.**

פרש"י הק' כל מקום שאתה מוצא זנות ועבודה זרה אנדרלמוסיא באה לעולם והורגת טובים ורעים, ואח"כ על כי מלאה הארץ חמס פרש"י הק' לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל.

ודקדקו המפרשים דברי רש"י הק' הנראים כסותרים, דמתחלה אמר שהמבול בא מפני זנות ועבודה זרה, ואח"כ אמר הגזל.

וביארו בספרים הק' הענין בזה, על פי מה שאנו אומרים בכל יום בברכת השחר, אלקי נשמה שנתת בי טהורה היא אתה בראתה אתה יצרתה אתה נפחתה בי ואתה משמרה בקרבי וכו', שיש להתבונן הרבה בדיבורים אלו, היאך הקב"ה ברוב חסדו וטובו, התחסד עם האדם, שהוריד נשמה קדושה, חלק אלוקי ממעל לתוך גוף חומרי, כדי לזכותו בקיום התורה והמצות בעולם הזה, אשר מתוך כך יזכה להנות מזיו השכינה לעולם הבא, ואחר שהקב"ה עושה עמו חסדים רבים כאלה, האיך אפשר כי כאשר האדם נולד

המשך בע' ב

פרנס פעולות האיחוד להודש חשון

נתנדב על ידי הרבני הנגיד המפואר רודף צדקה וחסד לב טוב ומטיב לכל
מוה"ר **משה שמואל ראטטענשטיין** הי"ו
לעילוי נשמת אביו היקר והחשוב
הרב החסיד המפורסם ר' **דוד מנשה** בן ר' **שמואל** ז"ל
נפטר בשם טוב ובשיבה טובה ביום ט' תשרי דהאי שתא
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן

אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"

**אעשה לו עזר, די הילף צו ווערן נאנט צום אייבערשטן איז, כנגדו, די נסיונות און נגדיות.**

(שפת"ק ח"א ח')

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **אליעזר ברוך פריעד** הי"ו (מאנסי)
לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## דורך שב"ק קען א איד צוקומען צום אייבערשטן און דאס ממשיך זיין אויף א גאנצע וואך

**נח איש צדיק תמים היה בדורותיו.**

אין תיקו"ז הק' שטייט, אז נח איז מרמז אויפ'ן שבת, נח דא שבת דבי' נייחא דכולא, לויט דעם קען זיין דער רמז אין פסוק אזוי, נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, יעדע מדריגה ווערט אנגערופן א דור, ווי דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע שרייבט, תמים היה, נח איז געווען גאנץ, ער איז צוגעקומען צו שלימות, דורותיו, ווייל ער איז געגאנגען ממדרגה למדרגה.

קען זיין דעם רמז לגבי שבת, אז אינעם שבת איז דא פארשידענע מדריגות, פארשידענע בחינות, ס'איז דא די עבודה פון די תפילות פון שבת, וואס מען קען דורכדעם זיך מדבק זיין צום אייבערשטן, נאכדעם איז דא די עבודה פון די סעודות שבת, דאס איז אן עקסטערע כח און א עקסטערע מתנה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, די אבות קומען צו די סעודות, נאכדעם איז דא דער כח פון מתן תורה פונעם שבת, שבת האט א כח פון מתן תורה, לכולי עלמא בשבת ניתנה תורה (שבת פ"ו ב'), וביום השבת קודש שישו ושמחו כמקבלי מתן נחליאל, מיט די אלע בחינות קען זיך א מענטש אנקניפן צום אייבערשטן, יעדע חלק פונעם שבת, האט אן עקסטערע כח צו ברענגען א גאולה פאר'ן מענטש, דאס טייטש תמים היה בדורותיו דורך אלע מדריגות, אלע בחינות פונעם שבת, קען א מענטש צוקומען צו זיין א תמים, א שלם, צו זיין נאנט צום אייבערשטן, ס'זאל זיין תמים תהיה עם ה' אלקיך.

זאגט דער פסוק נאכדעם, את האלקים התהלך נח, "אלקים" איז בגמטריא 'הטבע', אין די זעקס טעג האט דער אייבערשטער באשאפן די סדר הטבע, און שבת האט ער גערוהט, כי בו שבת מכל מלאכתו, ווייל שבת איז העכער די סדר הטבע, אלע בריאים גייען צוריק צום שורש, זאגט דער פסוק "את האלקים התהלך נח", את קען טייטשן פון, ווי רש"י הק' זאגט די וואך את הארץ כמו מן הארץ, את העיר כמו מן העיר, זאגט דער פסוק, "את האלקים התהלך נח", דער נח, דער שבת גייט אוועק פון די טבע, שבת גייען אלע ברואים ארויס פון די סדר הטבע, ממילא קען א איד דעמאלטס נתקרב ווערן, אפילו אינעם סדר הטבע משך די וואך האט ער פארשידענע מניעות, ער איז נאך זייער ווייט, אבער שבת גייט ער ארויס פון אלעם, און דורכדעם קען ער שוין דערלייכטן די טבע אויך, קען ער שוין ארייגלייכטן אין די ששת ימי המעשה אויך.

(עבו"ע שפת"ק)

---

המשך מע' א

ילך אחר שרירות לבו, למלאות תאוות גופו, הרי מצער בזה את הנשמה להיות עבד לתאוות גופו, והיאך אפשר לאדם להיות כפוי טובה כל כך, לכפור ברוב הטובה שעשה עמו הקב"ה הרי גוזל בזה את הקב"ה, וגוזל מן הנשמה את התענוג אשר ברצונו להשיג.

ואחר התבוננות זו, יבין האדם, כי בכל חטא אשר הוא חוטא נכלל בו גם איסור גזל שגוזל את הקב"ה ואת הנשמה, ואין לך גזלן וחמסן גדול יותר מזה, וחלק הגזל שבחטא נעשה לפעמים חרון אף, יותר מן עצם החטא.

לזה אמר רש"י, דלא נחתם גזר דינם אלא על הגזל, דהצער השכינה מן החטא זנות ועבודה זרה על זה נחתם גזר דינם, אע"פ שעל העצם החטא אינו בא עונש גדול כזה.

(עבו"ע פתג"ק נח)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **חיים משה מאיר סג"ל קרויס** הי"ו (מאנטריאל)
לע"נ זקינתו האשה החשובה מרת חי' פעסיל בת ר' חיים ע"ה קרויס - ו' חשון
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### אלה תולדות נח נח

מען זאגט נאך פונעם יהודי הקדוש פון פרשיסחא זי"ע: "מענטשן טענה'ן אז זיי ארבעטן אזוי שווער נאר פאר די קינדער, און בעטן אלעמאל א ברכה פאר די קינדער, אז זיי זאלן אויסוואקסן צדיקים און ערליכע אידן. און די קינדער ווייטער טוען די זעלבע, ווען זיי וואקסן אויף אנשטאט צו ארבעטן אויף זיך, מוטשען זיי זיך אויך פאר די קינדער". פלעגט דער יהודי הקדוש זאגן: "איך ווארט שוין אזוי לאנג צו זעהן דעם לעצטן קינד, דער וואס אלע האבן געבעטן און זיך געמוטשעט פאר זיינעט וועגן, נאר וואס דען, יעדער דארף טאקע זעהן זיך אינזין צו האבן מען זאל אליין אויסוואקסן א לייט".

דאס זאגט דא דער פסוק, 'אלה תולדות נח נח' - נח האט נישט געארבעט נאר פאר די קינדער, נאר האט זיך זעלבסט געזען אלס קינד און האט געהארעוועט אויף זיך, ער איז געווען דער זוהן, וואס האט פארשטאנען אז אויך אויף אים ליגט א פליכט צו דינען דעם אייבערשטען, און דאס מיינט אויך דער מאמר חז"ל (סנהדרין קט) שעיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים, אז די צדיקים זעהן אין די מעשים טובים כאילו זיי זענען די קינדער.

(היהודי הק' מפרשיסחא זי"ע)

### אלה תולדות נח נח איש צדיק, רש"י, יש מרבותינו דורשים אותו לשבח ויש שדורשים אותו לגנאי.

רש"י הק' לערנט אונז דא צוויי זאכן. איינס, אז עס איז נישט מעגליך צו אנטלויפן פון די בעלי לשון הרע וועלכע רעדן אלעמאל שלעכטס, ווייל אפילו דער צדיק נח, וואס דער תורה אליין זאגט עדות אויף אים אז ער איז געווען א צדיק תמים, האבן זיך געפונען אזעלכע וואס האבן זיך נישט צוטוהן געמאכט דערפון און אים גדרש'נט לגנאי.

צווייטנס, אז מען דארף זיך נישט וויסנדיג מאכן פון וואס מענטשען לאכן אפ פון צדיקים, ווייל דער אמת איז דאך געווען אז נח איש צדיק אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, און נישט אזוי ווי די וועלכע דרש'נען לגנאי.

(הרה"ק רבי מאיר מפרימשלאן זי"ע)

### תמים היה בדורותיו.

רש"י הק' זאגט אז דאס מיינט אז ער איז געווען אן עניו ושפל.

איז לכאורה שווער, וויאזוי קען טאקע זיין, אז נח איז געבליבן אן עניו זייענדיג איין צדיק אין א דור פון בלויז רשעים.

דאס זאגט אונז דער פסוק "את האלקים התהלך נח", נח האט שטענדיג געדענקט אין גדלות הבורא, ממילא זענען זיינע מעשים געווען ביי זיך גארנישט, כאטש קעגן אלע אנדערע מענטשן איז זיין דור איז נח געווען גערעכנט ווי א צדיק, האט ער שטענדיג אוועקגעשטעלט זיין התחייבות אקעגן די גרויסקייט פון השי"ת, דעריבער איז ער געבליבן ביי זיך "תמים - א עניו ושפל רוח".

(נועם מגדים)

### את האלקים התהלך נח, רש"י, ובאברהם הוא אומר אשר התהלכתי לפניו, נח היה צריך סעד לתומכו אבל אברהם היה מתחזק ומהלך בצדקו מאליו.

מען קען פארענטפערן פארוואס נח האט נישט מתפלל געווען אויף זיין דור אז זיי זאלן ניצל ווערן פונעם מבול, ווייל שפעטער ביי סדום שטייט ווען אברהם אבינו האט מתפלל געווען 'אולי ימצאון שם עשרה' זאגט רש"י "על פחות לא בקש, אמר דור המבול היו ח' נח ובניו ונשיהם ולא הצילו על דורם, ועל ט' ע"י צירוף כבר בקש ולא מצא".

לויט דעם איז אבער שווער, ווייל אברהם האט מתפלל געווען אויף ניין צדיקים מיט'ן צירוף פון דעם כביכול



אלס צענטער, און ווען דער באשעפער האט באפוילן פאר נח צו בויען דעם תיבה האט דאך נאך מתושלח געלעבט, אינאיינעם מיט נח'ס פרוי' און זיינע דריי קינדער מיט זייערע פרויען, איז דאך געווען ניין, איז שווער דעמאלטס פארוואס האט ער נישט מתפלל געווען און מצרף געווען דעם אייבערשטער כביכול אלס צענטער?

אבער לויט רש"י הק' דא, שטימט עס זייער גוט, ווייל אברהם אבינו ע"ה האט נישט געדארפט קיין סעד לתומכו, האט ער דעריבער געקענט מצרף זיין דעם אייבערשטן, אבער נח וואס זיין גאנצע צדקות איז נאר געווען מיט'ן הילף פונעם רבוש"ע, איז ער דאך שוין געווען אריינגערעכנט אין די ניין צדיקים, האט נח נישט געקענט נאכאמאל מצרף זיין דער רבש"ע משלים צו זיין פאר צען.

(חת"ם סופר)

### את שם את חם ואת יפת.

רש"י הק' זאגט אויף די נעמען פון נח, "תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים", אז דאס זענען די 3 זאכן וואס נח האט איינגעווארצעלט אין זיך און ביי אנדערע, 1) את "שם" צו געדענקן שטענדיג דעם אייבערשטנס נאמען. 2) את "חם" צו האבן חמימות, ווארימקייט און התלהבות צו א דבר מצוה, 3) ואת "יפת" צו טון נאר אזעלכע זאכן וואס איז תפארת לעושי' ותפארת לו מן האדם.

(הרה"ק רבי בונם מפרשיסחא זי"ע)

### ותשחת הארץ לפני האלקים.

"ותשחת" איז געווען, אז "הארץ", דאס ארציות איז געווען "לפני האלקים" בעפאר די רוחניות. ודפח"ח.

(המגיד הקדוש ממעזריטש זי"ע)

### צהר תעשה לתבה, רש"י: יש אומרים חלון ויש אומרים אבן טובה המאירה להם.

מען קען מסביר זיין דעם מחלוקה לויט דעם וואס רש"י ברענגט פריער "יש מרבותינו דורשים אותו לשבח ויש שדורשים אותו לגנאי", ווייל לויט די וואס האבן אים גע'דרש'נט לשבח, איז דאך נח געראטעוועט געווארן בזכות עצמו, אבער לויט די וואס האבן גע'דרש'נט לגנאי, איז ער געראטעוועט געווארן צוליב די דורות הבאים.

ביים איבערדרייען סדום שטייט אז דער מלאך האט געזאגט פאר לוט "אל תביט אחריך" ווייל אזוי ווי רש"י הק' זאגט "אתה הרשעת עמהם ובזכות אברהם אתה ניצול אינך כדאי לראות בפורענותם ואתה ניצול", וויבאלד ווען א מענטש ווערט ניצול בזכות עצמו מעג ער זעהן דער מפלה פון א צווייטן, אבער אויב ער ווערט ער נאר ניצל אין זכות פון אנדערע דאן טאר ער נישט זעהן.

לויט דעם, די וואס האבן גע'דרש'נט לגנאי, טאר דאך נח נישט זעהן ווי די רשעים די אנשי דור המבול גייען אונטער, ווייל ער איז דאך נישט ניצל געווארן בזכות עצמו, האט ער נישט געמעגט מאכן א פענסטער אין תיבה ער זאל קענען ארויסקוקן, און לשיטתם האבן זיי געדארפט טייטשן אז עס איז געווען אן אבן טובה וואס האט באלאכטן אין די תיבה, אבער די וואס האבן גע'דרש'נט לשבח און נח איז ניצל געווארן בזכות עצמו, טייטשן זיי יא אז 'צהר' מיינט א פענסטער, ווייל ער האט געמעגט צוקוקן במפלתם של רשעים.

(הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע)

*

### שנים שנים באו אל נח.

עס איז דא א מדרש פליאה, אויף דעם פסוק, אז אין די ווערטער "שנים שנים באו אל נח", איז מרומז אלע ימים טובים וואס מ'זאגט אין זיי גאנץ הלל, (די ערשטע צוויי טעג פון פסח, ביידע טעג שבועות, גאנץ סוכות, און חנוכה).

מען קען מפרש זיין די רמז אזוי, די ווערטער "שנים שנים" זענען מרומז אויף די ערשטע צוויי טעג פסח, און אויף די צווי טעג שבועות. דאס ווארט "באו" באטרעפט ניין אזוי ווי די צאל טעג פון סוכות. און די צווי ווערטער "אל נח", זענען גימטריא גענוי די זעלבע ווי "חנוכה".

(הרה"ק רבי שמשון מאוסטראפאלי זי"ע זי"ע)

## א מעשה אויף די פרשה

*

### תולדותיהם של צדיקים.

עס איז אמאל געווען א איד וואס האט נעבעך נישט געהאט קיין קינדער פאר אסאך יארן. איז אמאל אויסגעקומען, אז דער הייליגער לב שמחה פון גור זצ"ל האט געדארפט האבן א וויכטיגע טובה פון דער איד, און דער איד האט עס געטון מיט זיין גאנצן הארץ.

האט דער לב שמחה געזאגט צו דער איד, אז עס שטייט אין רש"י "תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים", האט דער הייליגער רבי ר' בונם פון פשיסחא זי"ע געטייטשט, אז עס איז דא אויבן אין הימל אסאך שערים "אסאך טויערן", צוויי פון די טויערן זענען נאנט איינס לעבן די אנדערן, דאס זענען תולדותיהם של צדיקים, די שער פון האבן קינדער, און די אנדערע איז מעשים טובים, דער וואס טוט חסד איינער מיט'ן אנדערן.

האט דער לב שמחה געזאגט צו דער איד, אז דו האסט געעפענט די שער פון טון חסד, קענסטו זיך גרינג אריין כאפן אין די אנדערע שער פון האבן קינדער. וכך הוה, דער איד איז געהאלפן געווארן מיט קינדער.

*

### ומוראכם וחתכם יהי' על כל חית הארץ.

דער הייליגער רבי משה סאווראנער זי"ע האט דערציילט, אז ווען דער גרויסער גאון וקדוש דער פני יהושע זי"ע איז געווען רב אין פראנקפורט פלעגט ער זיך פירן אנצוטון טלית ותפילין אין שטוב, און ווען ער האט געהאט אויף זיך דעם טלית ותפילין פלעגט ער אריינקומען אין שוהל.

איינמאל ווען ער איז ארויס פון שטוב אויפ'ן וועג צום שוהל זעהט ער ווי די גאסן זענען געענצליך ליידיג. ער האט זיך שטארק געוואונדערט וואס עס האט היינט פאסירט, ביז ער האט פלוצלינג באמערקט ווי א גרויסע בער קומט אים אנטקעגן, דער פני יהושע האט גלייך פארשטאנען אז דאס איז דער סיבה

המשך בע' ט



# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

# המשך דרשת פרקי אבות

**אשר השמיע הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א**
שב"ק פרשת נצבים תשפ"ה לפ"ק
בבית המדרש הגדול דקריתינו הק'

## בענין חינוך הבנים

### וכל העם רואים את הקולות

עס איז דא נאך א וויכטיגע יסוד אין די ענין פון חינוך, אז אויסער דעם וואס דאס קינד דארף הערן וואס עס איז די ריכטיגע וועג, דארף ער אויך זען מיט די אויגן וויאזוי מען דארף זיך אויפצופירן, ווייל אינו דומה שמיעה לראיה.

די ספרים הקדושים שטעלן זיך, עס שטייט ביי קבלת התורה "וכל העם רואים את הקולות", לכאורה וואלט געדארפט שטיין "שומעים את הקולות", אויך איז שווער ס'וואלט געדארפט שטיין "ראו את הקולות" מיט א לשון עבר, און נישט "רואים" מיט א לשון הוה.

ענטפערן די ספה"ק אז דאס קומט אונז מרמז זיין, א יסוד אין חינוך אז וואס מען לערנט מיט די קינדער איז נישט געניג אז זיי הערן דאס נאר, זיי דארפן אויך זען וויאזוי דער טאטע איז מקיים וואס ער זאגט, ווייל אויב זיי זעהן נישט ווי אזוי מען איז דאס מקיים, וועלן זיי דאס נישט קענען מקבל זיין אזוי ווי עס דארף צו זיין, און דאס זאגט רש"י "רואים את הנשמע", די קינדער דארפן זען וואס זיי הערן.

ס'שטייט ביי אברהם אבינו "כי ידעתיו אשר יצוה ושמרו צדקה ומשפט", הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע האט געפרעגט אמאל, ס'וואלט געדארפט שטיין "וישמרו" לשון עתיד, נאר וואס דען אברהם אבינו האט אונז געלערנט א יסוד אין חינוך, אז כדי מחנך צו זיין די קינדער דארף זיין צוויי זאכן איינס "אשר יצוה", דאס מיינט רעדן צו די קינדער, דברים היוצאים מן הלב, און זיי מדריך זיין וויאזוי זיך צו פירן, אבער דאס אליין איז נישט געניג, עס מוז זיין אויך אז די קינדער זאלן זען בפועל וויאזוי מען דארף זיך אויף צו פירן, למען ישמעו ויראו, מען דארף הערן און מען דארף זען, ווייל אינו דומה שמיעה לראיה, א שמיעה גייט אריין אין איין אויער און עס קען ארויסגיין פון די אנדערע אויער, אבער א ראיה וואס א מענטש זעט בלייבט אין אים כל ימי חייו.

און דאס זאגט די תורה אז אברהם אבינו האט מקיים געווען ביידע, "למען אשר יצוה" ער האט געערעדט צו די קינדער, און אויסער דעם "ושמרו" ער האט זיך געפירט אינדערהיים וויאזוי מען דארף זיך צו פירן, אז זיי זאלן קענען זען וויאזוי מען דארף זיך אויף צו פירן, ס'איז נישט גענוג ווען מען זאגט נאר מוסר, מען דארף זיין א דוגמא א סעמפל.

דער עיקר חינוך פון א קינד איז ווען ער זעט מיט די אויגן, וויאזוי די דאווענען פון זיין טאטע זעט אויס, און וויאזוי זיין שבת טיש זעט אויס, און אזוי איז מיט אלע מצות, ווי בענטשן און קריאת שמע ליינען א.ד.ג.

### במה יזכה נער את ארחו לשמור כדברך

דער באבוב'ער רב זצ"ל פרעגט פארוואס שטייט אין תהלים "במה יזכה נער את ארחו לשמור "כדברך", ס'וואלט געדארפט שטיין "לשמור דברך", ענטפערט ער, דוד המלך לערנט אונז וויאזוי קען א קינד זוכה זיין מקבל צו זיין וואס דער טאטע זאגט אים, דאס איז נאר "לשמור כדברך" ווען דער טאטע אליין וועט מקיים זיין וואס ער זאגט, אבער אויב דער טאטע וועט נאר זאגן פארן קינד וויאזוי זיך צו פירן, און ער אליין וועט נישט אזוי טון, דעמאלטס וועט ער דאס קינד נישט מקבל זיין.

א טאטע האט זיך אמאל אפגערעדט פאר מיר, אז ער האט זייער א וואויל בחור'ל, און ווען עס קומט צו קריאת שמע ליינען צופרי, ליינט ער קר"ש אין בעט צוגעדעקט מיט די דאכענע, און וויפיל איך זאג אים אז עס איז נישט אויסגהאלטן העלפט עס נישט, און ווען עס קומט צו בענטשן, בענטשט ער אלעמאל אין א סידור ווארט ביי ווארט, און ער קען נישט פארשטיין ביידע זענען מצות מן התורה, פארוואס ביי די מצוה פון בענטשן, איז ער אזוי מדקדק, און ביי די מצוה פון קריאת שמע איז ער אזוי מזלזל.

האב איך אים געפרעגט ווען ליינט איר קר"ש, זאגט ער איך שטיי אויף פארטאגס, און איך ליין דעמאלטס קר"ש, און וויאזוי בענטשט איר, זאגט ער אז ער בענטש אויך אלעמאל אין א סידור, אזוי האט ער געזען ביי זיין טאטן, און אזוי האט ער מחנך געווען זיינע קינדער.

האב איך אים געזאגט, אויב אזוי איז די זאך פשוט, דיין בחור איז טאקע א ערליכער בחור, און דאס וואס ער ליינט קריאת שמע אין בעט, דאס איז ווייל ער האט אייך קיינמאל נישט געזען וויאזוי איר ליינט קר"ש, ממילא פעלט אים די חינוך, איר האט מקיים געווען נאר דעם "אשר יצוה" איר האט נאר גערעדט נאר צו אים וועגן דעם, אבער עס פעלט פון אים דער ענין פון "ושמרו" ער האט קיינמאל נישט געזען וויאזוי א ערליכער איד דארף ליינען קריאת שמע, מה שאין כן דער ענין פון בענטשן, וואס ביי דעם האט ער געהאט סיי די שמיעה און סיי די ראיה, ממילא איז ער גוט מחונך געווארן.

אסאך טאטעס מיטשענען זיך מיט דעם, אז זייערע בחורים ליינען קריאת שמע אין בעט אונטער די דאכענע, דאס קומט פון דעם, ווייל זיי הערן דערפון נאר ווען זיי ליינען קריאת שמע אין בעט, און דעמאלטס איז דער נסיון השינה גובר אויף זיי, אזא חינוך ארבעט נישט.

### רק השמר לך ושמור נפשך מאד

און ווער רעדט נאך ווען א טאטע זאגט מוסר פאר זיין קינד, און ער אליין טוט דאס פארקערטע, וואס דעמאלטס זעט דאס

קינד אז די חינוך איז נאר א שפיל, א טאטע וואס קומט שפעט צום דאווענען, אדער ער רעדט ביים דאווענען, און ער איז מחנך זיינע קינדער אז מען טאר נישט רעדן ביים דאווענען, היעלה על הדעת אז דאס קינד קען מקבל זיין זיינע ווערטער?!.

דער תפארת שלמה טייטשט דעם פסוק (פרשת ואתחנן) "השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך, ופן יסורו מלבבך כל ימי חייך, והודעתם לבניך", די תורה זאגט אן פאר א מענטש "השמר לך ושמור נפשך" זאלסט זייער אכטונג געבן אז ווען דו זאגסט מוסר פאר דיינע קינדער, זאלסטו אליין מקיים זיין וואס דו פארלאנגסט פון זיי, ווייל אויב דו וועסט פארגעסן און דו וועסט זיך אפקערן פון מקיים די מצות, וועלן די קינדער בכלל נישט וועלן הערן וואס דו זאגסט.

מחנכים זאגן אז עס איז בעסער אז אזא טאטע זאל בכלל נישט זאגן פארן קינד אז מען טאר נישט רעדן ביים דאווענען, ווייל ער איז מחנך די קינד אז די גאנצע ענין פון חינוך איז א שפיל.

רבינו הקדוש זי"ע האט אמאל געזאגט, אז פונקט ווי יעדע טאטע וויל אז דער מלמד פון זיין קינד זאל זיך אויף פירן ערליך, ער וויל נישט אז זיין קינד זאל זען ווי זיין מלמד דאווענט אין חדר ביחידות, צי ער בענטשט אן א היט און רעקל, ווייל ער וויל נישט אז זיין קינד זאל זיך אפלערנען פון זיין רבי'ן, דאס זעלבע דארף זיך יעדע טאטע אויף פירן ערליך, דאווענען ערליך, בענטשן ערליך, א.א.וו. ווייל דער טאטע איז אויך א מלמד פון זיין קינד, און ער לערנט זיך אויס יעדע זאך פון זיין טאטע.

מען דערציילט אז אמאל האט א איד געזאגט פאר זיין רב, אז ער זעט אז זיין צוויי יעריגער יונגל גייט וואקסן א צדיק, וויאזוי זעסטו דאס, האט ער געזאגט דאס קינד איז נאך קיינמאל נישט געווען אין שול, און א גאנצן טאג טוט ער זיך אן א גארטל אויף די הענט אזוי ווי תפילין, אזוי אויך אויפן קאפ, און ער לייגט א האנטוך פאר א טלית, און ער שאקלט זיך ווי א זקן ורגיל.

האט אים דער רב געזאגט, איך האב מורא אז דאס קינד וועט קיינמאל נישט דאווענען מיט מנין, און אויף די וואונדער פונעם טאטן, האט דער רב געזאגט, אז איר זאגט אז דאס קינד איז נאך קיינמאל נישט געווען אין שול, און ער וויסט פונקטליך ווי אזוי לייגן טלית און תפילין, און וויאזוי מען דאווענט, מוז זיין אז ער האט דאס געזען נאר ביי אייך ווען איר דאווענט אינדערהיים, און א קינד וואס ווערט נתחנך אלץ פיצל קינד אז דער טאטע דאווענט ביחידות אינדערהיים, בדרך הטבע וועט ער אזוי אויסוואקסן.

דער חפץ חיים פלעגט זאגן אז די וועלט זאגט אז "די עפעלע פאלט נישט ווייט פון בוים", וויאזוי דער טאטע איז אזוי וועלן זיין זיינע קינדער, אבער מען דארף צו וויסן דאס איז נאר ווען אינדרויסן איז דא א שיינע וועטער, אבער ווען עס בוזשעווען אינדרויסן שטארקע ווינטן, "קען די עפעלע פאלן זייער ווייט פונעם בוים, און צו אמאל צו צושמעטערט ווערן אז עס זאל בכלל נישט זיין ראוי", און די עצה אין אזא צייט איז, אז מען זאל גוט באשיצן די עפעלע אז עס זאל נישט פאלן צו ווייט.

דאס זעלבע איז אין די ענין פון חינוך הבנים, אמת אז א קינד פאלט נישט ווייט פונעם טאטן, אבער היינט צו טאג וואס די שטורעם ווינטן אין די וועלט זענען שרעקליך, דארף מען שטארק אכטונג געבן אז זיי זאלן חלילה נישט אוועקפאלן ווייט פון די עלטערן, און ווערן צושמעטערט רח"ל.

די עצה זיי צו ראטעווען פון די בייזע ווינטן, איז אז מען זאל באשיצן די קינדער דורך מקיים זיין דעם "חנוך לנער על פי דרכו", רעדן צו זיי ווען זיי זענען נאך קליין, און מקיים זיין דעם "למען ישמעו ויראו", זיי זאלן הערן און זען וויאזוי מען דארף זיך אויף צו פירן, וואס אויף דעם האבן מיר א הבטחה אז "גם כי יזקין לא יסיר ממנו".

**שמעו בת וראו והטו אזנך**

דאס זעלבע זאך איז מיט טעכטער אז אויך זיי דארפן הערן און זען אז די מאמע


בס"ד

בית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
9 רחוב בית הלוי
קרית טאהש, קאנאדא

Secretarial of
Grand Rabbi of Tosh
9 Ave. Beth Halevy, Kiryas Tosh, Boisbriand QC J7E 4H4

בבית Tel. (450) 435-0209 בבנין הישיבה In Yeshiva (450)430-6420 פאקס Fax (450) 433-9379

# מודעה

הננו בזה להודיע לכל הקהל הקודש הע"י אשר

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ישבות

## שב"ק פר' נח הבעל"ט

מחוץ לעיר

* * *

להזכרות, קבלת קהל ולערוך שמחות וכדו'
יכולין להתקשר אל המשב"ק
450-435-0209

בכבוד רב
העומדים על משמרת הקודש

## מרחשון - מרחשין שפתים

עס שטייט פון הייליגע צדיקים אז מרחשון איז א לשון פון רחושי מרחשין שפתים, דאס מיינט אז די ליפן שאקלן זיך נאך פון די תפילות פון חודש תשרי, דעריבער איז פאסיג צו איבער'חזר'ן א מעשה וואס האט פאסירט ביי רבינו הק' זי"ע חודש תשרי.

איין יאר הושענא רבה ביי מנחה ווען עס איז געווען פארזאמעלט א גרויסער עולם תלמידים וחסידים וואס זענען געקומען מיטהאלטן די גרויסע עבודה פון די צווייטע טעג סוכות, און מ'האט שוין געהאט מיטגעברענגט די קינדער מיטצוהאלטן די געהויבענע הקפות האט זיך געהערט א שטארקע גערודער ביי שטילע שמונה עשרה, און די הייליגע רבי זי"ע האט אפאר מאל פרובירט צו שטיל מאכן, אזוי אויך ביי הויעך שמונה עשרה איז געווען די זעלבע זאך.

תיכף נאך מנחה איז דער הייליגער רבי זי"ע ארויף אויפ'ן בימה מיט'ן טלית און געהאלטן א דרשה מיט א הייליגע קאך און גערעדט זייער הארב וועגן שמועסן אין ביהמ"ה, די דרשה האט זיך געצויגן נאנט צו א שעה, עס איז געווען קענטיג אויפ'ן רבי'נס געזיכט אז עס ברענט אין אים א הייליגע פייער, און ער האט אויסגעדריקט זיין גרויסן ווייטאג אויף דעם וואס מ'איז מצער די הייליגע שכינה ווען מ'רעדט ביים דאווענען. דער רבי האט דאן געזאגט "עס איז א זיכערע סגולה געבענטשט צו ווערן מיט א גוט יאר און שמירה עליונה פאר זיך און פאר די בני בית ווען מ'רעדט גארנישט פון אנהויב ביז סוף דאווענען", דער רבי האט אויפגעהויבן זיינע הייליגע הענט און געוויזן אויף די פענסטער פון בית המדרש זאגנדיג "און פון דא וועט ארויסגיין ישועות אויף די גאנצע וועלט". (ספר קודש היכלך)

# באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

פירט זיך ערליך, זי גייט אנגעטון בצניעות, און זיי זאלן זען ווי די מאמע צינדט שבת ליכט און זי בעט זיך אויס ביי די ליכט פאר גוטע קינדער, און אזוי ביי יעדע דבר טוב.

עס איז באקאנט אז דער הייליגער מחנה חיים זצ"ל האט מקפיד געווען, אז די פרויען זאלן אליין זאלצן פלייש אינדערהיים, אזוי אויך באקן אליין חלות, כדי די קינדער זאל זען, וויאזוי מען דארף זיך צו פירן, די אלע זאכן גייען אריין טיף אין זייער הארץ, און דאס פארבלייבט דארט אויף אייביג.

## הנסתרות לד' אלקינו והנגלות לנו ולבנינו

עס איז דא נאך א גאר וויכטיגע יסוד אין דעם ענין פון חינוך הבנים, שטייט די וואכעדיגע סדרה "הנסתרות לד' אלקינו והנגלות לנו ולבנינו", דער מונקאטשער רב זצ"ל זאגט א טייער ווארט, עס זענען דא ערליכע אידן וואס דינען דעם אייבערשטן בלב שלם, זיי זענען עובדי ה' באמת, אבער זיי טוען זייער עבודת הקודש בסתר בהצנע לכת, ווייל זיי ווילן נישט אריין פאלן אין התנשאות, און עס זענען דא ערליכע אידן וואס זיי דינען דעם אייבערשטן באיתגליא, כדי מרבה צו זיין כבוד שמים, און עס פרעגט זיך די שאלה, וועלכע איז די ריכטיגע וועג, אויף דעם זאגט די פסוק "הנסתרות לד' אלקינו" די עבודה וואס איז בינו לבין קונו, זאל זיין בסתר, אבער "והנגלות לנו ולבנינו" די מצות וואס די קינדער דארפן צו וויסן דאס דארף זיין בהתגלות, כדי די קינדער זאל זיך קענען לערנען פון טאטן.

און ווי באקאנט זענען דא אויף די ווערטער "לנו ולבנינו" פינטלעך, דאס איז כדי צו באטאנען אז דאס איז א שטארקע יסוד, ווייל נאר אזוי קען מקוים ווערן "למען ישמעו ויראו".

די דורשי רשומות זאגן אז "אלול" איז די ר"ת 'הנסתרות "לד' אלקינו והנגלות לנו" ולבנינו', דאס קומט מרמז זיין אז חודש "אלול" וואס עס איז א צייט פון תשובה און תיקון המעשים, זאל א מענטש נישט טראכטן אז ער וועט פארברענגען די גאנצע חודש און עוסק זיין בתשובה בשקו ותעניתו בינו לבין קונו, זאגט די פסוק געדענק "הנסתרות לד' אלקינו" די זאכן וואס זענען שייך צום אייבערשטן קענסטו טאקע טוהן בהצנע לכת, אבער די זאכן וואס זענען נוגע צו קינדער "והנגלות לנו ולבנינו", די קינדער דארפן זען וויאזוי א דאווענען ראש השנה דארף אויסזען, די קינדער מעגן זען און הערן ווי דער טאטע קרעכצט אין לאזט טרערן ביים דאווענען, ווייל דאס וואס זיי זעהן און הערן דאס גייט טיף אריין אין זייער הארץ.

מען דערציילט אז א יונגערמאן האט געפרעגט דעם סטייפלער גאון זצ"ל, צי ער דארף דינגען א זיץ אין שול אויף די ימים נוראים פאר זיין פיר א האלב יעריגע יונגעל, האט ער אים געענטפערט, וואס איז די שאלה, אונזער גאנצע יראת שמים וואס אונז פארמאגן, קומט פון דעם וואס מיר האבן געזען אלץ קינד ווי אונזערע עלטערן, האבן געדאווענט ראש השנה און יום כיפור מיט א שטארקע התעוררות, און דאס גייט אריין טיף טיף אין די הארץ פון די קינדער, און עס בלייבט די רושם אויפן גאנצן לעבן.

און אזוי ווי אין די אלע הייליגע טעג זענען דאס אסאך מצות און מעשים טובים, עס זענען דא מצות מעשיות ווי תקיעות שופר, און פאסטן יו"כ, בויען די סוכה, ד' מינים, א.א.וו. אויך איז דא מצות פנימיים, ווי די ענין פון תשובה, בין אדם למקום, ובין אדם לחבירו, א טאטע דארף צו זען אז זיינע קינדער זאל זען וויאזוי ער איז מקיים די מצות בפועל, און די קינדער דארפן זען אז דער טאטע דאווענט אין די טעג מיט א התעוררות.

מען דארף זען אז די קינדער זאלן העלפן בויען די סוכה, און וויאזוי מען קויפט די ד' מינים, ווייל די אלע זאכן זענען ווי א חומה בצורה קעגן אלע פגעי הזמן.

המשך יבוא אי"ה

המשך מאמר בענין:

# בנין בית המקדש בימינו

אכן השאלית דוד בקונטרס 'דרישת ציון וירושלים' (פתיחה, בד"ה אבאר) אשר חיבר בענין הפולמוס שעורר הרצ"ה קאלישר על הקרבת הקרבנות בזמן הזה, מאריך לדון גם על האפשרות לבנות בית המקדש, וכותב בתוך הדברים, כי אף אם נקבל ששייך להקריב קרבנות בזמן הזה על ידי בניית מזבח כדת וכדין, מכל מקום בית המקדש לא יוכלו לבנות, מכח דברי החינוך שמצוה זו נוהגת רק בזמן שרוב ישראל שרויים על אדמתם.

אך העיר בזה, כי בזמן בית שני לא היו רוב ישראל שרויים על אדמתם, שכן עשרת השבטים לא חזרו בבית שני, ואם כן איך יכלו לבנות את בית המקדש. ותירץ, כי מאחר והיה הדבר על פי נביא, יכלו לעשות אף כשאין רוב ישראל שרויים על אדמתם, אך בלא נבואה אין לעשות כן.

## האם מקיימים את המצוה בבניית בית המקדש אף שאין רוב ישראל שרויים על אדמתם

ומסיים השאלית דוד, כי אף שאין חיוב לבנות מכח דברי החינוך הנזכרים, אך ללא כל ספק, שאם יבנו את בית המקדש קודם שיבא המשיח, יהא לו דין בית המקדש ויוכלו להקריב בו קרבנות, כי דברי החינוך אינם תנאי לקיום המצוה, אלא תנאי בחובת המצוה, שאין חובה לבנות כל שאין רוב ישראל על אדמתם, אך יכולים לקיים המצוה גם בלא זה.

כך עולה גם מדברי המנחת חינוך (מצוה צ"ה ס"ק א') שכתב בפשיטות, כי אם יתנו המלכות רשות לבני ישראל לבנות את בית המקדש, בוודאי יהא בדבר משום מצות בניית בית המקדש. ומבואר בדבריו, כי התנאי שיהיו רוב ישראל שרויים על אדמתם אינו לעיכובא, אלא מצד העדר המציאות לבנות את בית המקדש כל עוד שאין רוב ישראל על אדמתם, אך ככל שיתאפשר הדבר בלא קיום תנאי זה, בוודאי יש בדבר משום מצוה.

## אי היכולת לבנות בית המקדש

# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים וענינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' אהרן קאהן שליט"א

## בימינו לצד העדר ידיעת מקומו המדויק

אך השאלית דוד כותב בסוף דבריו, כי אף שיש מקום לעשות כן, מכל מקום בפועל לא יוכלו לבנות את בית המקדש בימינו, כי אין אתנו יודע עד מה להצביע על מקומו המדויק של בית המקדש, ואף לא את מקומו של המזבח, שמצאנו בו כמה מחלוקות בדברי הגמרא, אם היה בדרום או בצפון (זבחים נג.), וכן היו צריכים להביא אבנים שלימות בלא שיגע בהן ברזל בכדי להשתמש בהן למזבח, ולכן כל זה מהוה מניעה להקמת המזבח, ומכל שכן להקמת בית המקדש, בימינו אנו.

## חנוכת בית המקדש בטומאה

נידון נוסף שהוא בעוכרינו, הוא מה שכתב הרה"ק רבי מנחם מנדל מדעעש זי"ע בתשובותיו שערי צדק (או"ח סי' צ"ו), כי אף שטומאה הותרה בציבור לענין הקרבת הקרבנות, מכל מקום את החינוך אין יכולים לעשות בטומאה, כי לא נאמר טומאה הותרה לענין תחילת העבודה, ולכן אין לנו דרך לבנות את בית המקדש ולהקריב בו את הקרבנות.

והנה הגם שבתשובות מהרי"א הלוי (ח"א סי' פ"ה) יצא לחלוק על דברי השערי צדק, ולדעתו שייך לחנוך את בית המקדש בטומאה מכח דין טומאה התורה בציבור, מכל מקום המנחת יצחק (ח"ו סי' קל"ג אות ו') כתב להצדיק את דברי השערי צדק, ונקט עיקר כשיטתו.

## הוכחות שלא יבנו בית המקדש רק לכשיבא משיח צדקנו

ומצאנו שתי הוכחות נפלאות, אשר מוכיחות כי בפועל לא יבנו בית המקדש עד שירחם עלינו בורא כל עולמים לשלוח אלינו את משיח בן דוד לגאלנו.

הוכחה אחת מובאת בשם הגרי"ז (כתבים המיוחסים לגרי"ז עמ' ק"ט), מדברי הגמרא (זבחים מה.): "אמר ליה אביי, אלא מעתה כל שחיטת קדשים לא לתני, הלכתא למשיחא הוא, אלא דרוש וקבל שכר", הרי כי שחיטת קדשים אינה אלא הלכתא למשיחא, והיינו שלא יהיה הדבר נוגע רק לימות המשיח, וזאת כי גלוי וידוע היה לפני חכמינו ז"ל, שלא יבנה בית המקדש לפני ביאת משיח צדקנו.

רבינו זי"ע בויואל משה מאמר שלש שבועות (אות נ"ה) מביא הוכחה נוספת בשם היפה תואר (על בראשית רבה פרק כ"ו), מדברי הגמרא (יומא ה:): "כיצד מלבישן לעתיד לבוא, לעתיד לבא נמי, לכשיבואו, אהרן ובניו ומשה עמהם", הרי כי לא ילבישו בגדי כהונה רק לכשתהא תחיית המתים. והגם שאין המדובר שם אלא לענין בגדי כהונה, מכל מקום הביא רבינו זי"ע, כי התוספות (פסחים קיד: בד"ה אחד זכר) כתבו כן לענין הקרבת קרבן פסח 'דהקרבה מסורה לזריזין וכשיבנה משה ואהרן יהא עמנו', הרי שכתבו התוספות כי לא יבנה בית המקדש לפני תחיית המתים.

## כח תפילותינו ובקשותינו על בניית בית המקדש להביא לבניינו

מן הראוי לסיים בדברי המבי"ט, אשר בדבריו מבואר כי הגם אומנם שאין בידינו לבנות כרגע בפועל את בנין בית המקדש, אך זאת עוד יש בכח כל תפילותינו ובקשותינו עבור בנין הבית להביא את בניינו, וכלשונו (בית אלקים שער התפלה פרק י"ז): "ועוד אני אומר כי תפלת כל הדורות הראשונים נתקבלה לעצמם גם כן, גם כי לא היתה התשועה בימיהם, וביאור זה הוא כי אחר זמן הגאולה יהיה תחיית המתים ויבנה בית המקדש ויזכו כל הדורות הראשונים לראות הגאולה חלף עבודת תפלתם שהתפללו בזה העולם והיו מצפים לגאולה וזכו אליה", ובפרט לפי מה שגילו הצדיקים זי"ע, שעל ידי מעשינו הטובים בונים אנו את בית המקדש שלמעלה, ובזכות זה נזכה שירד אלינו בית המקדש כלול ומפואר בהדרו, ויהי רצון שנזכה בקרוב לקיום הכתוב (ישעיהו כז, יג) 'והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול'.

המשך בשבוע הבא אי"ה

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **ישראל מרדכי מאירוביץ** הי"ו (טאהש)
לע"נ זקינתו האשה החשובה מרת חי' פעסיל בת ר' חיים ע"ה קרויס - ו' חשון
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## אלה תולדות נח נח איש צדיק

עס שטייט אין מדרש אלה תולדות נח נח, נייחה לעליונים נייחה לתחתונים, און עס שטייט אין ספה"ק נועם אלימלך אז נח גייט ארויף אויף די צדיק וואס איז גורם די השפעות למטה ולמעלה אין עולמות.

איז דער אור מלא מסביר ווי עס איז מרומז דא די צדיקים, ווייל ס'שטייט אין זוה"ק אז משה רבינו ווערט אנגערופן "שושבינא דמלכא" ווייל משה רבינו פלעגט אייביג זיין פארנומען אז דער רבוש"ע זאל משפיע זיין פון אלעם גוטן פאר אידישע קינדער, און אהרן הכהן ווערט אנגערופן "שושבינא דמטרוניתא" ווייל ער איז געווען פארנומען צו מקרב זיין די אידן צום אויבערשטן, דאס הייסט מיט תשובה און מעשים טובים, און דאס זענען צוויי עבודות וואס די צדיקים זענען פארנומען אין יעדע דור צו מקרב זיין די אידן צום אייבערשטן און אז די אייבערשטער זאל מער און מער משפיע זיין פאר די אידישע קינדער.

דאס איז דא מרומז אין פסוק, 'אלה תולדות נח', דאס זענען די מעשים פונעם צדיק, 'נייחא לעליונים', דאס איז א צדיק בבחינת אהרן צו מקרב זיין די אידן לעליונים, 'ונייחא לתחתונים', דאס איז א צדיק בבחינת משה רבינו, צו משפיע זיין פון אויבן לתחתונים.

*

עס איז געווען אמאל א גרויסע מחלוקת אין די שטאט בערעגסאז, און די מחלוקה האט צוגעברענגט אז מען האט אריין געשאסן א שטיין אין פענסטער פון די הויז פון דער בעל קול ארי' זי"ע, און די פענסטער האט זיך צובראכן.

האט דער הייליגער קול ארי' געזאגט בדרך צחות, אז עס איז דא א מחלוקת אין רש"י אויף די פסוק "תמים היה בדורותיו", יש מרבותינו דורשים לשבח ויש שדורשים לגנאי, און שפעטער אין פסוק אויף "צהר תעשה לתיבה", ברענגט רש"י נאך א מחלוקת יש אומרים חלון ויש אומרים אבן טובה המאירה להם, און די צוויי מחלוקת'ן גייען צוזאמען, ווייל די וואס זענען דורשים לשבח, אז ער איז געווען א צדיק און ער פלעגט זיי מוסר זאגן לויט די שיטה האט ער נישט געקענט לייגן א פענסטער, ווייל די מענטשן וואלטן עס זיכער צובראכן, ווייל עס שטייט אין גמרא האי צורבא מרבנן דמרחמין לי' בני מתא לא משום דמעלי טפי אלא דלא מוכח להו במילי דשמיא וואלטן זיי אים זיכער פיינט געהאט און צובראכן זיין פענסטער, מוז זיין אז דאס איז געווען אן אבן טובה, משא"כ לויט די וואס זענען דורשין לגנאי, לויט דעם האט ער זיי נישט מוכיח געווען במילי דשמיא האבן זיי אים נישט פיינט געהאט, האט ער געקענט לייגן א געהעריגע פענסטער.

*

הרה"ק עטרת צבי מ'זידיטשוב זי"ע האט זיך אין אנהייב נישט געפירט צו פראווענען א סעודה אום שושן פורים, ווערט דערויף דערציילט, אז איינמאל איז א איד אריינגעקומען צום עטרת צבי, און געפרעגט, איז נח געווען א צדיק אדער נישט, האט אים דער עטרת צבי געענטפערט אז זיכער איז ער געווען א צדיק, עס שטייט דאך אין די תורה נח איש צדיק תמים היה, האט אים די חסיד געפרעגט ווייטער, אויב אזוי פארוואס פראווענט נישט די רבי א טיש שושן פורים, עס שטייט דאך אין די מגילה "ונוח בחמשה עשר", פון דעמאלטס אן האט דער עטרת צבי טאקע אנגעהויבן פירן א סעודה שושן פורים.

המשך מע' ד

פארוואס קיינער איז נישט אין גאס, די שטאטלייט האבן מורא פונעם שעדליכן חיה, און יעדער איז געבליבן איינגעשפארט אין די הייזער.

דער הייליגער פני יהושע האט אראפגענומען זיין טלית פון זיין הייליגע פנים, און גייט צו מיטן פולסטן רואיגקייט צום גרויסן בער, און קוקט אים אן, ווען דער בער האט געזעהן דאס הייליגע געשטאלט פון דעם פני יהושע, איז ער אנטלאפן פון שטאט, און מער האט אים נישט צוריקגעזעהן אין שטאט.

*

## וישת מן היין וישכר.

דער הייליגער רבי אביש פראנקפורטער זי"ע איז געווען בטבע א מענטש וועלכע האט נישט געקענט אפזאגן קיין בקשות.

איינמאל איז אריינגעקומען צו אים א איד וועלכע איז געווען באקאנט אין שטאט פאר איינער וועלכע האט זייער ליב געהאט צו טרינקן ברוינפן, און געבעטן דעם רבי'ן זאל אים שרייבן א מליצה בריוו אז דער עולם זאל זיך משתתף זיין אינעם מצות הכנסת כלה, צוליב דעם וואס ער האט שוין אינדערהיים עטליכע עלטערע מיידלעך צו וואס ער האט נישט קיין נדן זיי צו חתונה מאכן.

רבי אביש האט תיכף מיד אים געשריבן א ווארימע בריוו, וועלכע האט געהאט א שטארקע השפעה אויף די שטאטלייט, און מען האט אים געגעבן גרויסע געלטער.

למעשה ווען דער איד פלעגט באקומען א מטבע פלעגט ער שנעל לויפן אין שענק, און דאס אויסניצן צו קויפן נאך ברויפן, און פלעגט זיך פארשיכור'ן. איינמאל ווען ער איז ניכטער געווארן איז ער דערציטערט געווארן זעהנדיג ווי דער בריוו איז ארויסגענומען געווארן פון זיין קעשענע.

ער איז תיכף געלאפן צו רבי אביש, בעטן א נייעם בריוו, רבי אביש האט שוין דאן געהאט געוויסט איבער די מעשים פון דעם איד, האט ער זיך אנגערופן צו אים: "עס האט מיר אלעמאל געוואונדערט פון וואו נעמט זיך דאס אז די וועלט זאגט 'שיכור ווי לוט', דער ערשטער שיכור איז דאך געווען נח, איז פארוואס זאגט מען נישט 'שיכור ווי נח', נאר דער תירץ איז, נח האט נישט געהאט קיין טעכטער און ער האט נישט געדארפט קיין נדן פאר זיי, האט ער זיך געקענט ערלויבן צו טרינקן, אבער דו לוט, האסט עטליכע טעכטער אין שטוב, און למעשה ליגסטו גאר אין די שענקן און שיכור'סט ארום, דאס איז נישט קיין געווענטליכע אויפפירונג, און דערפאר באקומט דער שיכור דעם כבוד טיטול 'שיכור ווי לוט'".

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **מאיר ארגעל** הי"ו (בארא פארק)
לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע

*דעם קומענדיגן מיטוואך לך לך - ז' חשון, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן צדיק רבי יהודה צבי מ'ראזלא, רבי יהודה צבי בן הרה"ק רבי משה מ'סאמבור זי"ע.*

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי יהודה צבי מ'ראזלא זי"ע איז געבוירן געווארן אין יאר תקנ"א לפ"ק.

ער איז געווען א תלמיד און א איידעם ביי זיין פעטער, דער הייליגער עטרת צבי פון זידיטשוב זי"ע, און האט געדינט ברבנות אין די שטעט פון גלינא, ברדושין, ראזלא.

ער האט מחבר געווען די פאלגענדע ספרים: "דעת קדושים" – "עמוד התורה" – "תעלומות חכמה".

רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע איז נסתלק געווארן עטליכע רגעים נאכן ליינען קריאת שמע, און זאגן די פרשה פון עשרת הדברות – זייענדיג זיבן-און-פופציג יאר, אין ז' מרחשון אין יאר תר"ח לפ"ק.

### שייכות מיוחדת לרבותינו הקדושים

רבותינו הקדושים זי"ע האבן געהאט א ספעציעלע קשר מיטן ראזלא רב ודרכו בקודש, זייענדיג א תלמיד ותיק וחביב מיט זיין הייליגן שווער רבינו העטרת צבי מזידיטשוב זי"ע.

ווען דער ראזלא רב זי"ע איז געווען אמאל אין די שטעטל הארשפאלווע, איז דער הייליגער שרף זי"ע זייענדיג נאך אלץ בחור, געפארן ווייל במחיצתו, דער ראזלא רב האט באלד געזעהן אז דאס איז גאר אן הויעכע נשמה, האט ער אים מקרב געווען און האט אויך אים משפיע געווען פון זיין גרויסע קדושה. זינט דאן האט דער שרף אנגעקניפט א געוואלדיגע קשר מיטן ראזלא רב.

דער סבא קדישא זי"ע פלעגט פורים און ערב יוה"ק זאגן א ספעציעלע "לשם יחוד" וואו ער האט אויסגערעכנט על דעת עטליכע צדיקים, צווישן זיי איז געווען "על דעת וכוונת הרה"צ רבי יודא צבי מראזלא זצ"ל ותלמידיו".

### פרעגטס דעם שווארצן גנב

רבינו הקדוש זי"ע דערציילט אין עבודת עבודה, אז אמאל פרייטאג צונאכטס האט רבי יהודה צבי מ'ראזלא געוואלט אריינטראגן פאר זיין שווער א גלאז טיי, קומענדיג נענטער צו די טיר, האט ער ארויסגעהערט קולות פון עטליכע מענטשן, אנצייגענדיג אז אינעם צימער פון זיין שווער געפינען זיך עטליכע מענטשן. האט זיך רבי יהודה צבי אראפגעבויגן און אריינגעבליקט אינעם צימער דורכ'ן לאך פון די טיר. האט רבי יהודה צבי געזעהן ווי אינעם צימער זיצן דארט צוויי עלטערע מענטשן, איינער האט אויסגעזעהן ווי א עלטערע מאן, און דער צווייטער האט אויסגעזעהן ווי א יונגערמאן. און זיין שווער דער עטרת צבי האט זיך מיט זיי מפלפל געווען.

אזוי ווי רבי יהודה צבי האט דאס געזעהן, האט ער שוין מורא געהאט אריינצוגיין מיטן גלעזל משקה, און ער האט זיך אויסגעדרייט און אוועקגעגאנגען.

שבת ביי שלש סעודות האט דער עטרת צבי אנגעהויבן זאגן תורה מיט א מאמר פון זוהר הק', מיטן זידיטשובער נוסח "דעם מאמר לערנט רבי שמעון בר יוחאי פשט אזוי, דער אר"י הק' לערנט פשט דערין אנדערש, און איך לערן פשט אזוי, און ביידע סיי רבי שמעון בר יוחאי און סיי דער אר"י הק' זענען מסכים מיט מיין פשט, **"און טאמער גלייבט עטץ מיר נישט, פרעגטס דעם שווארצן גנב, ער האט אריינגעבליקט דורך די קלאמקע"...**

### אין הקב"ה מביא תקלה ע"י צדיקים

אין די יונגע יארן פון רבי יהודה צבי, איז געברענגט געווארן פאר אים א שאלה אויף א בהמה וועלכע מ'האט גע'שחט'ן ערב שבת, און ביים בודק זיין האט מען געפינען אין די בהמה א גרויסע נאדל. רבי יהודה צבי האט גלייך מתיר געווען דעם בהמה, און דאס פלייש איז צעשפרייט געווארן אין די גאנצע שטאט לכבוד שבת.

געציילטע שעה'ן שפעטער איז רבי יהודה צבי דערציטערט געווארן, זיך כאפענדיג נאכן

בס"ד

ביהמ"ד זכרון אוהל אלימלך ד'טאהש
מאנסי, ניו יארק
נתייסדה ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
146 Maple Ave. (corner Decatur) Spring Valley, NY

ניחום אבלים

אצל הרב הגאון הדומ"ץ שליט"א
על פטירת אביו
הגה"צ אב"ד טאלטשאווא זצ"ל

בביתו
11 Sunrize Drive

במוצש"ק וביום א'
שחרית ביום א' בשעה 9:00

הנהלת הקהלה

אריינקלערן טיפער אין די שאלה, אז ער האט מתיר געווארן טריפות גמור, און האט געהאט גרויס צער, ווייל דאס מיינט אז די פלייש איז שוין געקאכט געווארן ביי פיל אידישע שטובער, און עס וועט ארויסקומען א גרויסע שאדן דערפון.

רבי יהודה צבי האט זיך בארעכענט אז בעפאר ער וועט אויפשטורעמען דעם שטאט איבער די טריפה'נע פלייש וואס ער האט מתיר געווען, וועט ער גיין איבערשמועסן די שאלה מיט זיין שווער, דער הייליגער עטרת צבי זי"ע.

אנקומענדיג צום שטוב פון זיין שווער דער עטרת צבי, איז ער געווארן אנטוישט זעהנדיג ווי זיין שווער האט שוין אנגעהויבן שמונה עשרה פון מנחה, וואס ווי באקאנט פלעגט דער עטרת צבי אנהויבן מנחה ערב שבת בעוד יום גדול, און ער האט מאריך געווען ביי דעם שמונה עשרה אזוי לאנג ווי צוויי דריי שעה.

באין ברירה האט רבי יהודה צבי געדארפטווארטן, ווייל אן די הסכמה פונעם עטרת צבי האט ער גארנישט געוואלט טוען.

ווי נאר דער עטרת צבי האט אויסגעטרעטן שמונה עשרה, וואס האט אויסגעזעהן פאר רבי יהודה צבי ווי א אייביגקייט, האט זיך די עטרת צבי' אויסגעדרייט צו זיין איידעם רבי יהודה צבי, און זיך אנגערופן מיט א שמייכל "זארג דיר נישט, אין הימל האט מען געפסק'נט ווי דיר אז דער בהמה איז כשר". תיכף האט זיך רבי יהודה צבי בארואיגט, וויסענדיג אז זיין שווער האט דאס זיכער געזאגט מיט רוח הקודש.

שפעטער ביינאכט האט אבער צוריק אויפגעפלאמט די שאלה אין רבי יהודה צבי'ס קאפ, נישט קענענדיג האבן מנוחה טראכטענדיג ווי אזוי די שאלה קען האבן א צד היתר, און דאס האט נישט צורוה געלאזט דעם רבי יהודה צבי. דעם קומענדיגן אינדערפרי, האט רבי יהודה צבי געעפענט דעם פענסטער, און האט אביסל ארויסגעקוקט צו עטוואס בארואיגן זיין מח, ווען פלוצלינג האט ער געהערט ווי צוויי קינדער שפילן צווישן זיך, און איינער זאגט פארן אנדערן: "אבער דו האסט נישט געקענט טרעפן די שפילקע, איך האב דאס אזוי גוט באהאלטן".

האט דער חבר צוריק געזאגט: "אבער זאג מיר וואו האסטו דאס באהאלטן? אויף יענעם פלאץ אין די קישקעס פון די בהמה" – האט דער חבר געענטפערט.

ווען רבי יהודה צבי האט געהערט די שמועס פון די קינדער אויפן גאס, האט ער תיכף פארשטאנען אז אויף די בהמה האט ער גע'פסק'נט די שאלה, און נאכן פארשן די גאנצע מעשה ביי די קינדער איז אים קלאר געווארן אז די בהמה איז באמת יא כשר אן קיין שום ספק, און האט אפגעגעבן א שבח והודאה צום אייבערשטן וואס האט אים געפירט צו פסק'נען כדת וכדין.

## זיבעציג מאל גע'חזר'ט

רבי יהודה צבי מראזלא האט אמאל געזאגט אויף זיך: "**איידער איך בין געווארן א בעל הוראה, האב איך איבערגע'חזר'ט הלכות מליחה, בשר בחלב און תערובות, זיבעציג מאל**"!

**זכותו יגן עלינו ועל**
**כל ישראל אמן**

# לוח היארצייטן



## יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ג' חשון | הרה"ק רבי אליעזר בן רבי נפתלי צבי זי"ע - מ'דזיקוב | תרכ"א |
| ג' חשון | הרה"ק רבי ישראל בן רבי שלום שכנא זי"ע - מ'רוזשין | תרי"א |
| ז' חשון | הרה"ק רבי יודא צבי בן רבי משה זי"ע - מ'ראזלא - דעת קדושים | תר"ח |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ה' חשון | האשה החשובה מרת חנה בת הרה"ג קלונימוס קלמן הכהן ע"ה הערשקאוויטש<br>אשת הרב החסיד ר' דוד ע"ה | תשס"ו | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ו' חשון | האשה החשובה מרת חי' פעסיל בת ר' חיים ע"ה קרויס<br>אשת הרב החסיד ר' אשר ענזיל ע"ה | תשפ"א | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ח' חשון | האשה החשובה מרת שרה פרומט בת ר' יעקב שלמה ע"ה ניימאן<br>אשת הרה"ח ר' שלום עזריאל ע"ה | תש"ע | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ט' חשון | הרב החסיד ר' נפתלי צבי בן ר' יחזקאל שרגא הכהן ע"ה לאנדאוי | תשל"א | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |

בעזהשי"ת

# קהל אור החיים ד'טאהש

קרית טאהש

תע"א

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# בצאתינו בשלום מן הקודש

בעמדינו אחר הימים הנעלים והנשגבים,

## חגי חודש תשרי ובמיוחד זמן שמחתינו שמחת תורה

הקודש של אבינו רועינו,
עטרת תפארת ראשינו

## כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א

שנערכו במקהלות
ובהתרוממות רב

מחויבים אנו ליתן שבח יקר וגדולה להני אישי הציבור ועסקנים החשובים, שעמדו על המשמר ושיכלו את ידיהם באמונה לעשות בדת ובתבונה ועזרו במסירות נאמנה שהכל על מקומו הנכון יבא בשלום.

זכות הגדול של זיכוי הרבים ילווה לכם ולכל ב"ב שיושפעו עליכם בני חיי ומזוני וכל מילי דמיטב בזכותא דרבינו רע"א מהימנא קדישא זיעועכי"א עדי נזכה כולנו יחד שכ"ק מרן רבינו שליט"א יוליכינו לקראת משיח צדקינו בב"א

החותמים בהכרת הטוב

## הנהלת הקהלה

### תל תלפיות וגולת הכותרת

אילו פינו מלא שירה כים אין אנחנו מספיקים לעלה ולקלס, הני תרי עסקנים מופלגים, העומדים לימינינו בכל עת ועידן, ברוב מסירות ונאמנות אין לשער, ועשו לילות כימים למען הכל על מקומו יבוא בשלום, וסידרו ביהמ"ד הגדול באופן נפלא ביותר הכל עצהיו"ט לשביעת כל הקהל הקודש

מוה"ר **אהרן שווארץ** הי"ו

מוה"ר **שמואל צבי ווייס** הי"ו

אשר יגעו וטרחו במיטב כשרונותיהם בכל צעד ושעל, לסדר בנין ביהמ"ד הגדול לירח האיתנים, מכירת הזיצן, ימי הרחמים והסליחות, סידור הקפות, ושלחנות הטהורות ברוב חכמה ודעת

### להחיות בהם נפש כל חי

אין די מילים בפי להוציא שבח יקר וגדולה וכבוד לידידינו היקר, שר הטבחים בבית המלך

מוה"ר **אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס** הי"ו

שבישל המאכלים לשלחנות הטהורות ברוח נדיבה וביד רחבה, להחיות בהם נפש כל חי

וגם לרבות בנו, לב טוב ומטיב לכל,
מו"ה **משה לייב סג"ל קרויס** הי"ו

### ופרוש ע...

מעומקא דליבא הננו בזה ליתן שב...
שטרחו ועסקו ל...

הרה"ח ר' **יצחק יוד...**

הרה"ח ר' **נח...**

מוה"ר **מ...**

מוה"ר **א...**

מוה"ר **זיידא יש...**

אשר היו עסוקים בערבי החג, ל...
השלחנות הט...

ובחדא מחתא הננו בזה להודות ה...
הגדולה וסוכת ...

הבה"ח **אשר ענזיל סג"ל** ...
**הערשקאוויטש** נ"ו, הבה"ח ...
**סג"ל נייהויזער** נ"ו, הבה"ח **חייב...**
נ"ו, הי...

### ושאב...

בשמחה של מצוה באנו בזה להו...
'שמחת בית השואיבה' ...

מו"ה **ישראל יעקב קליין** הי"...

### מעלין בקודש

נאמני בית כ"ק אדמו"ר עט"ר שליט"א

הרה"ח ר' **יעקב זוסמאנן סופר** שליט"א, הרה"ח **ר' יעקב יוסף כהנא** שליט"א, הרה"ח ר' **משה סג"...**
**פאפלאנאש** שליט"א, הרה"ח ר' **יצחק נחום האמבורגער** שליט"א, הבה"ח **יעק...**

ובמיוחד נעלה על נס האי בריח התיכון וכביר המעש...

הרה"ח ר' **אליעזר הערש הכהן פישער** ש...

### ובמיוחד נודה

לאלו שעוסקים בצרכי ציבור משך כל השנה, ולמען ירח האיתנים התאמצו והתאזרו בכל כוחותם להצלח...

הרב **יוסף צבי קליין** הי"ו, מוה"ר **ישראל מרדכי פרושינובסקי** הי"ו, מוה"ר **נפתלי צבי ברוך הכה...**
**מאירוביץ** הי"ו, מו"ה **יוסף דוד סג"ל קרויס** הי"ו, מו"ה **יוחנן מענדלאוויטש** הי"ו, מוה"ר **יושע יצחק ג...**
**אלימלך שווארץ** הי"ו, מו"ה **מאיר יצחק הכהן פישער** הי"ו, מו"ה **שלמה הכהן דייטש** הי"ו, מו"ה ...
**יאקאבאוויטש** נ"ו, הבה"ח **יעקב יוסף שווארטץ** נ"ו, הבה"ח **אשר ע...**

ותודה מיוחדת להני עוזרים ומסייעים ברוב אונים ואמיץ כוח, לסדר היכלי ביהמ"ד ה...

הבה"ח **נתן פייטל שווארץ** נ"ו, הבה"ח **אלימלך שווארץ** נ"ו, הבה"ח **זאב שווארטץ** נ"ו, ה...
**סג"ל ראטמאן** נ"ו, הבה"ח **זאב יונגרייז** הי"ו, הילד **זאב זוס...**
ובמיוחד הבה"ח **אלעזר ארי' יונגרייז** נ"ו

## לינו סוכת שלומיך

נח יקר ותהילה בכבוד ותפארה להני אנשי המעש,
למען הסוכה הגדולה בצל הקודש

**א לייבוש מערמעלשטיין** הי"ו,
**מי' צבי שווארטץ** הי"ו
**נחם מאיר פייג** הי"ו
**הרן שווארטץ** הי"ו
**ראל חיים סג"ל קרויס** הי"ו

יות בקשר עם שרי הממשלה, למען נוכל לערוך
יהורות בהיכל הסוכה הגדולה

י בחורי חמד, אשר ברוב מומחיותם ציירו הסוכה
ביתו נאוה קודש בתכלית היופי

**ברי"א קרויס** ני"ו, הבה"ח **דוד ברנש"ז**
**שלום סאנדעל** ני"ו, הבה"ח **יוסף אלימלך**
**סג"ל טירנויער** ני"ו, הבה"ח **מאיר עקשטיין**
לד **זאב זוסמאן** ני"ו

## תם מים בששון

דות לאלו שנצחו בכלי שיר אצל מעמד המרומם
שעבר בהתרוממות ושמחה נפלאה, ה"ה

ו, מו"ה **מרדכי ראזענפעלד** הי"ו, מו"ה **דוב**
**קארן** הי"ו

**ל ראטמאן** שליט"א, הרה"ח ר' **יואל אלחנן**
**קב אלימלך קליין** הי"ו

שליט"א

ת המעמדים ומאורעות בחצרות קדשינו

**ן לאנדאוי** הי"ו, מוה"ר **זיידא ישראל יצחק**
**גרינוואלד** הי"ו, מו"ה **דוד לאנדאוי** הי"ו, מו"ה
**יוסף לעבאוויטש** הי"ו, הבה"ח **צבי שמעון**
**נזיל געלב** ני"ו

הגדול לעריכת הקפות

הבה"ח **יהוסף שווארץ** ני"ו, הבה"ח **יהוסף**
**זמאן** ני"ו

## שומרים הפקד לעירך

ברכה מיוחדת לידידינו היקר, עושה ומעשה משך כל השנה, ועומד לימינינו ברוב עצה ותושיה, וכעת עמד כגבור חיל להצלחת החג בצל הקודש

מוה"ר **יצחק אייזק ווייס** הי"ו

**ראש חברת שומרים**

ואתו עמו שאר חברי שומרים שהתאזרו בכל כוחותם לשרת הציבור במשך החג, ואצל מעמדי תשליך, שלחנות הטהורות בימי חוה"מ, ובאגלייטן

## ועד האש"ל

עסקני ועד האש"ל שעסקו בכל מיני נפשם לסדר כל האורחים, ובמיוחד האי איש האשכולות, עושה ומעשה למען הכלל והפרט

מו"ה **שמואל צבי ווייס** הי"ו

שמסר נפשו מנגד, להכין חדרי השינה בבניני הישיבות עצהיו"ט

וגם לרבות

מו"ה **מרדכי ארגעל** הי"ו, מו"ה **דוד דייטש** הי"ו

## איחוד תלמידי וחסידי טאהש

תודה וברכה להני עסקנים הנמרצים העוסקים כל השנה למען הכלל והפרט

מוה"ר **ישראל סג"ל קרויס** הי"ו, מוה"ר **אהרן אשר יעקב הערשקאוויטש** הי"ו, ובמיוחד מוה"ר **אשר אנשיל בערגער** הי"ו, וכל הצוות הכותבים והמגיהים

שהצליחו להוציא לאור גליונות מרוחבות, וסדרו הוק-אפ מהשלחנות הטהורות

## כי ביום הזה יכפר עליכם

הננו בזה לברך באלפי תודות להני אברכים מוכשרים, עושים ומעשים למען הכלל והפרט, וסדרו למען נוכל לקיים 'מנהג כפרות' באופן מוכשר ביותר לתועלת תושבי קריתינו וכל המשתתפים, ה"ה

מו"ה **יעקב אהרן הערשקאוויטש** הי"ו, מו"ה **מרדכי הערשקאוויטש** הי"ו, מו"ה **חיים שלמה קרויס** הי"ו, מו"ה **ישראל מינץ** הי"ו, הבה"ח **משה אהרן קרויס** ני"ו, הבה"ח **דוד לאנדא** ני"ו

וגם לרבות השוחטים

הרב **אשר לעמל פעלבערבוים** הי"ו, הרב **שמואל נתן סג"ל קרויס** הי"ו, הרב **יודא צבי האלבערשטאם** הי"ו

## בית הלוי נעימות יזמרו

ברכות לרוב יחול על ראשי העסקנים הדגולים "מקהלות המנגנים בחצרות קדשינו" מהנים את השם בגרונם לשם ולתפארת

בראשות המשורר הראשי

מוה"ר **איתמר ארגעל** הי"ו,

ואביו הרב החסיד **שלום יחיאל מיכל ארגעל** שליט"א

שעמדו על משמרתם אצל התפלות ר"ה ויוה"כ והושע"ר ומשך ימי החג אצל השלחנות הטהורות, וגם לרבות ה'ניגון חדש' שחידשו לקראת ימי הרחמים והרצון

ואת עמו האברכים החשובים היודעים פרק בשיר שנהנו את הציבור אצל השלחנות הטהורות ו'עפל טיש

מוה"ר **אליעזר זוסיא סג"ל קרויס** הי"ו, מוה"ר **אלי' סג"ל קרויס** הי"ו, מוה"ר **יהוסף אלקנה סג"ל קרויס** הי"ו, מו"ה **ברוך אברהם סג"ל נייהויזער** הי"ו, מו"ה **מרדכי ארגעל** הי"ו, מו"ה **יוסף יחיאל האלפערט** הי"ו, מו"ה **יצחק אייזיק פרידמאן** הי"ו, מו"ה **ישראל מינץ** הי"ו, מו"ה **יעקב יצחק וויינגארטען** הי"ו, מו"ה **נתן פייטל לאנדאוי** הי"ו, הבה"ח **רפאל פריעד** ני"ו, הילד **בנימין זאב פישער** ני"ו,

ובמיוחד הבה"ח **דוד ברנש"ז הערשקאוויטש** הי"ו
שסידר ה'סאונד סיסטעם ברוב כשרון

וגם לרבות אלו שנגנו בכלי שיר אצל השלחנות הטהורות
מוה"ר **דוד וויינגארטען** הי"ו, מוה"ר **יצחק אייזק ווייס** הי"ו

## אשרי עין ראתה קהל קדושים רוגשים בשמחת התורה

ביותרת הכבוד הננו בזה להודות אל מעלת כבוד, עסקנים הדגולים בחצרת קדשינו, שברוב עומקם ומחשבתם הצליחו לסדר סדר ההקפות ברוב פאר והדר לטובת ולשביעת לב כל הציבור

מוה"ר **מרדכי ווידער** הי"ו, מו"ה **יצחק נחום האמבורגער** הי"ו, מו"ה **מרדכי הערשקאוויטש** הי"ו, מו"ה **משולם פייש ליבערמאן** הי"ו, מו"ה **אשר ענזיל סג"ל קרויס** הי"ו, מו"ה **שלום בלום** הי"ו

## צאן קדשים

ברכה מיוחדת להני אברכים היקרים

מוה"ר **יואל גוטמאן** הי"ו, מו"ה **יעקב דוב כהן** הי"ו, מו"ה **יצחק שמואל שווארטץ** הי"ו, מו"ה **נפתלי הערש לאנדאוי** הי"ו, מו"ה **אברהם לייב ראזענבוים** הי"ו

ובמיוחד האי איש האשכולות נוח לשמים ולבריות מו"ה **יעקב יצחק יואל וויינגארטען** הי"ו

שעזרו לסדר ילדי תשב"ר בעריכת ההקפות

## מזמור לתודה

הרה"ח **צבי זאב בערגער** הי"ו, מוה"ר **אלימלך ראזענצווייג** הי"ו
שסידרו הדרשות ושיעורים במשך ימי החגים
הרה"ח **יעקב הכהן קרויס** הי"ו
שעזר לסדר הנסיעה לאמירת תשליך


בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה
ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו לזמן הזה
מתכבדים אנו בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים ה"ה
הבחור החתן המופלג בתוי"ש
נחמן צבי נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
לאה טשארנא ריזל תחי'
שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום שלישי לסדר "והיה ברכה" (לך לך)
ו' חשון תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט
(ולמספרם OCTOBER 28)
קבלת פנים בשעה 6:30
והחופה בשעה 7:30
באולם עטרת טשארנא
ספרינג וואלי, ניו יארק
הורי החתן: מאיר זאב איינהארן ורעיתו
הורי הכלה: אליעזר ברוך הכהן פריעד ורעיתו
חתן הר"ר יהושע בערקאוויטש ז"ל


בעזרת השם יתברך
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה
ברוב שבח והודאה להשי"ת
הננו מתכבדים בזה להזמין את קרובינו וידידינו לקחת
חבל בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו ה"ה
הבחור החתן המופלג בתוי"ש
בנימין זאב
עב"ג הכלה הבתולה המהוללה
לאה אידל
שתתקיים בעזה"י למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום א' לסדר לך לך
ד' חשון תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט
קבלת פנים בשעה 5:00 והחופה בשעה 6:30
שמחת חתן וכלה בשעה 8:00
באולם עטרת אפפעל - ברוקלין ניו יארק
27 SKILLMAN STREET
ובעזהשי"ת ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו בליי"נ
הורי החתן
ר' אשר לעמיל ווסמאן ובנ"ב
הורי הכלה
ר' לב שמחה סאלז ובנ"ב


ק
בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה
בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו
והגיענו לזמן הזה מתכבדים אנו להזמין את
כבודכם להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים
הבחור החתן המופלג בתוי"ש: פינחס נ"י
עב"ג הכלה הבתולה המהוללה: חי' ליבא פראדל תחי'
שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ג' לסדר ומלכים ממך יצאו (לך)
ו' לחודש חשון תשפ"ו לפ"ק (ולספ' Oct. 28)
קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00
באולם פרדס צבי
241 Keap Street, Brooklyn New York 11211
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום
הורי החתן: יואל סג"ל קרויס וב"ב
הורי הכלה: דוד פעלדמאן וב"ב
בן הרה"ח ר' אפרים שמואל ז"ל


בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה
בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו
הבחור החתן המופלג בתוי"ש
אברהם נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
עטיל תחי'
שתתקיים אי"ה למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת
ביום ב' לסדר "ואעשך לגוי גדול ואברכך" (לך לך)
ה' לחודש חשון תשפ"ו לפ"ק ולמס' Oct 27
קבלת פנים בשעה 6:30 החופה בשעה 7:30
באולם עטרת חיה שרה
106 S Madison Ave, Spring Valley, NY
ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו בלי"נ
ידידיכם המצפים לקבל פניכם באהבה ובשמחה
הורי החתן: ישראל ברוך שאול גרינוואלד וב"ב, קרית יואל יצ"ו
הורי הכלה: דוד יודא הכהן לאנדא וב"ב, בן הרה"ח ר' שמחה ז"ל, חתן הרה"ח ר' אברהם מיללער ז"ל, מאנסי יצ"ו

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מ
ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי**
**ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח**

*המחותנים*

אריינצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענטשן
840


כולל לחי
הרמת קרן הכולל בתפארתה

ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה:

פרישע התחדשות לעבט בהיכל כוללינו הרמה צום פרישן שנת הלימודים תשפ"ו מיט'ן שפאגל-נייע איבערפרישן די הערליכע מקום תורה

יקר וגדולה דורך די חשובע לומדי הכולל פאר די חשובע נדיבי ומוקירי התורה הרבני הנגיד המרומם מוה"ר ישראל צבי פרידמאן הי"ו, ושותפו לדבר מצוה הרבני הנגיד המרומם מוה"ר אלעזר קליין הי"ו מגדולי תומכי כוללינו לפאר ולרומם קרן התורה בתפארתה.

אור עולם באוצר:

ריזן אוצר הספרים וועלכע באצירט די כותלי ביה מדרשא פראכטפול איבערגעפרישט מיט א פרישע שיין פון על. אי. די. לעקטער'ס צו באלייכטן די ספרי קודש כראוי וכיאות לכבודה של תורה ולומדי'

אור עולם באוצר:

מאסיווע אוצר הספרים באריכט מיט טויזנטער נייע ספרי קודש בכל מקצועות התורה ומסכת הש"ס אין קאסטן פון צענדליגער טויזנטער דאלארן

טויזנטער נייע ספרים ליגן שוין פלאצירט אינעם ריזן אוצר הספרים אויסגעשטעלט לויט א הערליכע סדר נאה ויפה, מיט באשטימטע סטיקער'ס און קאלירן צו קענען טרעפן יעדע ספר איש על מחנהו ואיש על דגלו, צו פארגרינגערן פאר די חשובע לומדי הכולל שליט"א.


כולל לחי
הרמת קרן הכולל בתפארתה

הבאני המלך חדריו:

חדר השיעורים איבערגעבויעט מיט א פרישע ליכטיגקייט און לופטיגקייט, שאפנדיג א פרישע געשמאק צו א שיעור אינעם חדר השיעורים

נייע אריינגאנג צום חדר השיעורים, פרישע שיטראק, מאלדינג'ס, טייל'ס, פריש איבער געפעינט, נייע עיר-קאנדישאן סיסטעם, נייע באקוועמע טישן און בענקלער, און נאך.

התקן עצמך בפרוזדור:

גאנצע כולל קארידאר הערליך איבערגעפרישט אלס פאסיגע אריינפיר צום היכל הכולל די בית היוצר פון אונזערע תלמידי חכמים מופלגים שליט"א

יקר וגדולה דורך די חשובע לומדי הכולל פאר די חשובע נדיבי ומוקירי התורה הרבני הנגיד המרומם מוה"ר ישראל צבי פרידמאן הי"ו, ושותפו לדבר מצוה הרבני הנגיד המרומם מוה"ר אלעזר קליין הי"ו מגדולי תומכי כוללינו לפאר ולרומם קרן התורה בתפארתה

הביאו אל בית האוצר:

פרישע סטארעדזש רום רענאווירט און אהערגע-שטעלט בהיכל הכולל

צו קענען סארטירן אלע חפצים אויף א שיינע מסודר'דיגע פארנעם, אנצוהאלטן די פרישקייט און געשמאק איבער'ן גאנצן היכל הכולל לשביעית רצון הלומדים.

בדק הבית:

ברייטע רענאוואציע פראיעקט איבער'ן היכל הכולל צו פאררעכטן אלע אפגעדינטע טיילן, לפאר ולרומם ולהדר ולנצח היכל כוללינו

וקול התורה נשמע בארצינו:

שטראלנדע פרישקייט אויף די חשובע רבני הכולל שליט"א צום נייעם ווינטער זמן, באגלייט מיט הילכיגע קול תורה אדיר וחזק





היות שלא שלחנו הזמנות נא לקבל הזמנה זו בפרטיות

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

בסימן טוב ובמזל טוב

בשבח והודי' להשם יתברך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה
אנו מתכבדים לקרא למאהבינו המה יכבדנו לבא לקחת
חבל בראש שמחתינו יום כלולת בנינו שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
כמר אביגדור נ"י

עב"ג הכלה הבתולה המהוללה
מרת גאלדא תחי'

אשר נחוג אי"ה בשעה טובה ומוצלחת
ביום רביעי לסדר 'ואעשך לגוי גדול' - לך לך
ז' לחודש חשון שנת 'את הי' לאלפי רבבה' (תשפ"ו) לפ"ק
ולמספרם Oct 29

באולם בית ציראל - קרית טאהש יצ"ו
251 Beth Halevy Boisbriand Quebec J7E 4H4

קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00

וביום שמחתכם ומועדיכם נשמח עמכם אי"ה
וה' הטוב ישיב גמולכם לראות שמחת עולם על ראשינו
בביאת גואלינו בקרוב בימינו

הורי החתן
שמעון ישראל ראטענבערג וב"ב
בלאאמו"ר ר' נפתלי נטע זללה"ה
חתן הרה"ח ר' אביגדור כהנא ז"ל
קרית יואל יצ"ו

הורי הכלה
שלמה ראטטער וב"ב
בן הרה"ח ר' יהושע שלום ז"ל
אב"ד קלוזש
קרית טאהש יצ"ו

למען אחי ורעי אדברה נא! ברוב שיר ושבח להשי"ת אקרא למאהבי המה יכבדוני!
הנני רוצה בזה לקרות בקריאה של חיבה בהזמנה פרטית לכל ידידי מכירי וקרובי
לבוא ולשוש ולשמוח אתנו, ולקחת חבל בשמחתינו, ביום תת ה' שמחה במעוניט,
יום כלולת בתי הכלה המהוללה תחי'
ויהי לי לעונג ולשמחה פרטית לראות כל אחד ואחד במקום ובזמן המגובל. ויהא רעווא, שבזכות שמחת חתן וכלה ישפעו משמים השפעות מרובות, לכל אחד רב תענוג ושמחה שלימה בכל מעשי ידיהם וה' יואליט בגאולה פרטית ובגאולה כללית, בביאת גואל צדיק במהרה בימים אמן.

ידידכם המצפים לקבל פניכם בשמחה
שלמה ראטטער
אב"ד קלוזש

bolt team 438 630 1598


ב

בעזהשי"ת
סימן טוב ומזל טוב
נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
נפתלי הירצקא נ"י
בן האשה החשובה רבקה עטיל ע"ה

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה
ברכה לאה תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום שלישי לסדר 'ואעשך לגוי גדול' (לך לך)
אור ליום ז' חשון תשפ"ו לפ"ק
קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00

באולם עטרת חי'
1415 54th Street, Brooklyn, New York

ואי"ה ביום שמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב

אבי החתן
צבי בערגער

הורי הכלה
מאיר אריגעל ורעיתו

מרן רבינו הקדוש זי"ע,

**צאצאינו היקרים, בזמן**
**לבנו גם אנו.**

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מו"ץ

## המשך הלכות תפילין

### רצועה פון תש"ר ביים קאפ

דעריבער דארף מען נזהר זיין אז די רצועה וואס נעמט ארום די קאפ זאל זיין גוט מהודק ארום די קאפ, ס'זאל נישט זיין גרויס, ווייל דעמאלט'ס איז דא תרתי לריעותא; א) ס'דארף זיין א הידוק ממש, אזוי ווי ס'שטייט וקשרתם, און די הידוק איז די קשירה, און דאס איז נישט דא; ב) אויב איז עס רפוי (לויז) וועט די קציצה פאלן אויפן שטערן, אדער קען די קשר זיין צו נידריג, און ס'וועט נישט זיין אויפן ריכטיגן פלאץ[1].

אמאל איז דא א צורך צו פאררעכטן און מאכן קלענער די רצועה לויטן קאפ פון מענטש[2], דארף מען נזהר זיין עס צו מאכן לשמה, דורך א גדול[3], און נישט דורך א קטן[4].

אויב מ'זעהט אז דעם חבר'ס תפילין איז נישט ריכטיג אויפן קאפ, נאר עס ליגט אויפן שטערן, דארף מען אויפמערקן[5] (מיט השכל ודעת כדי ער דאס דאס אננעמען).

### זמן הנחת תפילין

זמן הנחת תפילין הייבט זיך אן נאכן עלות פון 'משיכיר', (דאס הייסט פון ווען מ'זעט א חבר וואס ער קען אביסל ד' אמות ווייט און ער דערקענט אים[6].

היינטיגע צייטן ווען ס'דא לעקטער אין אלע גאסן, איז שווער דאס אליין צו אויסרעכענען, די אחרוני זמננו האבן אויסגערעכנט ווען דאס איז נאך די עלות, ס'זענען דא עטליכע שיטות דערין, אין ניו יארק איז אנגענומען אז דאס איז 22 מינוט נאכן עלות, אין טאהש איז דאס 20 מינוט נאכן עלות השחר[7], (מ'קען דאס טרעפן אויף די לוחות).

מ'טאר נישט לייגן קיין תפילין ביינאכט[8], בין השמשות זענען דא וואס האלטן אז מ'מעג, אויב מ'האט נאכנישט מקיים געווען מצות תפילין יענעם טאג[9].

אויב לייגט מען בין השמשות זאל מען נישט מאכן א ברכה[10]. דער וואס איז נוהג ווי שיטת ר"ת מעג מאכן א ברכה ביז בין השמשות דר"ת. (לכתחילה זאל מען לייגן תפילין פאר די שקיעה).

## די סדר פון לייגן תפילין

### הכנה צו לייגן די תפילין

אויב מ'דאווענט אין ביהמ"ד וואס ס'דא נאך א שטוב ווי מ'קען לייגן תפילין איז א ענין עס דארט אנצוטון[11] (אפילו מ'זיצט שוין אין ביהמ"ד איז א ענין אז מ'זאל אריינגיין אין די אנדערע שטוב עס אנצוטון[12]).

בחורים אין ישיבה קענען אזוי טוהן, נאר אויב דאס איז איינשטימיג מיט די תקנות הישיבה.

ס'איז דא א עצה צו ארויסגיין פון שטוב נאכן אנטון די תפילין כדי זיך צו וואשן די הענט, און דערנאך קומט מען אריין מעוטר מיטן תפילין. אדער אוועקגיין ד' אמות און צוריקומען[13].

לכתחילה זאל מען זאגן ברכות התורה פארן לייגן תפילין[14].

---

1 מ"ב (כז סקל"ה).

2 ועי' דרכי חיים ושלום (אות סח) 'צריכין "איזה פעמים בשנה" לדקדק ולקצר רצועות הקשר דתש"ר שיהי' על מקומם כי דרכם לימתח ביותר'.

3 שהביא ב"ש.

4 מ"ב (סי' לב ס"ק רלב). ועי' דעת נוטה (עמ' שכט) דאם עשה אותה בן י"ג, ראוי לחזור ולקשור דהא בדאורייתא לא סמכינן על חזקה דרבא, וכתב המ"ב (סי' לג סקכ"ג) דיש למנוע מלעשות הקשר ע"י קטן.

מ'מעג עס פাררעכטן ביינאכט. דעת קדושים שו"ת פני מבין (או"ח סי' יד) דהוי רק כמו כתיבה ולעשות בתים דעושין בלילה.

5 מ"ב (סקל"ג) 'וכל המניחן על המצח הוא מנהג קראים ולא עשה המצוה וכל בעל נפש יזהיר לחביריו וילמדם שלא יכשלו בזה', ובערוה"ש (ס"כ) 'וראיתי כמה מיראי אלקים שהולכים ומעיינים בכמה בני אדם אם מונח עליהם השל ראש כראוי ואם אינו כראוי מתקנים להיות כראוי ואשרי חלקם ושכרם גדול מאד', ובליקוטי מהרי"ח (עמ' יז ע"ב) 'עי' בסידור דעת קדושים שבכל קיבוץ לתפלה יש ליחד איש אחר משגיח ע"ז שלא יצא משהו מעיקרי השער', ובמסגרת השלחן (סי' י סק"ז) מוטל על האב"ד או זקני הקהלה להשמיע האיסור הגדול הזה לרבים ולמחות בידם', אכן באשל אברהם (תנינא סי' כז ס"ט) 'אודות תפילין שאינם במקומן כולם למעלה מעיקר השערות אולי שייך מוטב שיהיו שוגגין', אבל בזמננו לכאורה ל"ש מוטב שיהיו שוגגין כי מקיימין הסכת ושמע ישראל אם הוא ע"י פעולות נכונות.

עי' עובר אורח על הארחות חיים (סי' כז ס"י) שאף במקום שאסור להפסיק יש לו להפסיק ולומר לו, ובשלחן מלכים (סי' י סקס"ג) כתב עליו שהפריז על המדה 'ואם רואה מחוייב לאמר לו ואם הוא עומד במקום שאסור להפסיק ירמז לו או יתקנם בידו'.

6 שו"ע (סי' ל ס"א).

7 כ"כ הגה"צ הדומ"ץ שליט"א.

8 שו"ע (סי' ל ס"ב). מן התורה זמן חיוב הנחת תפילין הוא בין ביום בין בלילה בכל ימות החול, אך מדרבנן אסור להניחן בלילה, גזירה שמא יישן ויפיח בהן. ברגע אחד מקיים מצות הנחת תפילין, ומצוה מן המובחר מן התורה להיותן על האדם כל היום, מ"מ מפני שצריך להזהר בעת היותן עליו שלא יפיח בהן ולא יסיח דעתו מהן ואין כל אדם יכול להזהר בזה נהגו להניחן רק לתפילת שחרית.

9 ראה במ"ב (סי' ל סק"ג) שדעת המג"א שמותר להניח לכתחילה אבל בפמ"ג מסתפק אם לא שלא קיים עדיין מצות תפילין באותו יום שאז יניחם ביהשמ"ש.

10 ובחיי אדם (כלל יד סט"ז) כתב 'ומותר להניחם ולברך עליהם עד צאת הכוכבים', אבל בביה"ל (ד"ה ויש) 'אם הוא בין השמשות נראה לי דלא יברך אז, דבלאו הכי הפמ"ג מפקפק על דברי המג"א שכתב דזמן הנחת תפילין הוא עד צאת הכוכבים, הגם דבודאי מחויב להניחם כיון שלא קיים עדיין מצות תפילין וכו', אבל הברכות אינן מעכבות'.

11 עפ"י זוהר הקדוש והובא בב"י (סי' כה) מ"ב (סק"ח): 'ואם יודע שילך דרך מבואות המטונפות או שמצויין נכרים ברחוב, יניחם בחצר בית הכנסת, ואם אי אפשר יניחם בביתו ויכסם בכובעו או בידו'. והגם שבשו"ע (סי' כה ס"ב) מבואר שיש להניח הטלית ותפילין בבית ולילך מלובש בהם ברחוב עד הביהכ"נ, מ"מ כבר כתב בערוה"ש (סוס"ב) דבזמננו בעוה"ר א"א לעשות זה כלל, ואנו מניחין הטלית והתפילין בבית הכנסת. ובאמרי ויחי יוסף (סי' שח ס"ד) כתב 'והגה"ק מרן אדמו"ר מבעלזא זי"ע אמר דבזמן הזה שאין אנו הולכים לביהמ"ד מעוטף בטלית ומוכתר בתפילין יש לקיים ענין היראה הנאמר בספר הזוהר, במה שאוחז הטלית והתפילין בידיו כשנכנס לביהמ"ד [ואותן שמצניעין הטו"ת בביהמ"ד מבטלין זה].

12 מ"ב (סק"ח) 'במשכים קודם אור הבוקר ובא לבית הכנסת לא שייך אזהרת הזוהר דעדיין לא מטי זמן חיובא, ומ"מ כשיאיר היום יותר טוב שיצא לחצר ביהכ"נ וילבשם שם ויכנס אח"כ לביהכ"נ'.

משמע במג"א (סי' כה סק"ג) וכ"כ בבן איש חי (וירא) שמצוה זו קודמת למצות עשרה ראשונים כמ"ש בשער הכוונות (דרוש ביהכ"נ דף ג) לרבינו האריז"ל. אכן יש שכתבו שהשכמה לביהכ"נ להיות מעשרה הראשונים, עדיפא מהליכה לביהב"נ בטלית ותפלין, שהרי היא מדינא דגמ' כמבואר (בברכות מז ע"ב), ומש"כ הבה"ט (סי' כה סק"ב הביאו המ"ב (סי צ סקמ"ז) דהאריז"ל לא הי' מעשרה ראשונים, מפני שלא רצה לילך לביהכ"נ בלא תפילין, אך בסור מרע ועשה טוב (להרה"ק מהרי"א מזידיטשוב זי"ע) הביא בשם הכתבים איפכא דהאריז"ל ביטל ההליכה מביתו בתפלין, כדי שיהי' מהעשרה הראשונים.

13 שלחן הטהור (סי' מח ס"ב) 'ואם הוא בביהמ"ד שאין שם עזרה יכנס ויניח תפילין על מקומו ויחזוא ארבע אמות לאחוריו'.

ובהליכות הלוי שכ"ק מו"ח מרן אדמו"ר שליט"א שאל את רביה"ק זי"ע למה אינו מניח תפילין בחדרו רק בבית מדרשו, ונפסק בשו"ע שיש להניח תפילין בחוץ לביהמ"ד, וענה שלא ראה כן אצל זקינו מרן הסב"ק זי"ע.

14 הכף החיים (סי' כה סקס"ח) מביא מהחיד"א (עבוה"ק קשר גודל ס"ה אות לא) 'יזהרו הנוהגים כן [לומר וארשתיך, ומחכמתך] לומר הברכות של שחר וברכות התורה מקודם', (הגם שכתב שיש לומר ג"כ ברכת השחר מקודם יש בזה מנהג המקומות וכן העיר במאסף לכל המחנות (סי' כז סקנ"ז) שבקשר גודל לא הזכיר כלל ברכת השחר), וכן עי' מ"ב (סי' מו סקכ"ז כח) 'כהיום נהגו העולם להחמיר שלא לומר שום פסוקים קודם ברכה"ת'.

ועי' מ"ב (סי' מד סק"ז) 'ולכו"ע מותר לעשות איזה פעולת מצוה קודם ברכת התורה, אע"ג דבשעת מעשה בודאי הוא מהרהר בדין הזה, אפ"ה מותר, דכל שאינו מתכוין ללימוד אין צריך ברכה', וכן בשו"ת מהר"י שטייף (סי' ערב) 'אין קפידא מלהניח תפילין קודם ברכה"ת דאין איסור לקיים מצות בלא ברכה"ת, וראיה שלובשין ציצית בבוקר השכם', וכן שו"ת בצל החכמה (ח"ד סי' קן) דללבוש תפילין בלי פסוקי ויהי נועם וארשתיך לי אין קפידא ואזהרה.


בעזהשי"ת
איחוד
תלמידי וחסידי טאהש
פרנס החודש
זכות בכל הפעולות, שותף בכל המעשים, רבבות שעות שיעורי תורה ועבודה מוסר וחסידות, אלפי קוראי ולומדי הגליון המאיר באו"ר החיים, מאות המתלהבים מקולו בקודש, ומתרוממים מדב"ק בעת רעוא דרעוין, וזכות כל המאחד ומתאחד"ת, באהבה ואחוה כלל אנשי שלומינו, השמחים בקול צהלה בשמחות חברינו וידידינו, כלנו מתפרנסו זה מזה בסיוע ועזר לקנות ולהנות מאנ"ש לאנ"ש, הנפורים בכל קצוי תבל ומלואה, ומתדבקים ומהלכים לנרו ובדרכו דרך העבודה, בקבוצות וחבורות עבודת עבודה, של רוח אפינו רבינו הקדוש זי"ע, וחייו ודרכיו הנמסרים באהבה לזרעינו, כשאבותינו ספרו לנו, ומתאחדים והולכים בדרך הנמשך ע"י מרן רבינו שליט"א אור חיינו,
כל זכותים האלו
למשך החודש הבא עלינו נקנה ונתנדב על ידי
הרבני הנגיד והמפואר ר'
משה שמואל ראטטענשטיין
הי"ו
שקנה זכות האדיר
פרנס פעולות האיחוד
לחודש חשון
לעילוי נשמת אביו
הרב החסיד המפורסם, מזקני וחשובי אנ"ש
נכד לרבינו השרף זי"ע
מוה"ר דוד מנשה בן ר' שמואל ז"ל
שש"ח ביום ט' תשרי דהאי שתא לדאבון לב כל מכיריו
אשר הי' אדוק ומקושר וזכה להסתופף בצל הקודש למעלה משישים שנה
ונפטר בשם טוב ובשיבה טובה והשאיר אחריו ברכה דור ישרים ומבורך
ת.נ.צ.ב.ה.
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים
יעמדו לכם ולזכותכם!
מה טוב חלקכם וחבלכם בזה ובבא!
ובזכות זה יושפעו להם משמי מעל כל הברכות וישועות, אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד, שפע ברכה והצלחה בכל הענינים, בני בריכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, סייעתא דשמיא עושר ואושר, בדרכי התורה ועבודת עבודה עפ"י דרך אבותינו ורבותינו הק', וזכותו הגדול והקדוש של רבינו הקדוש זי"ע ילווה אותם ואותנו לנצח, עדי שנזכה לביאת מלכא משיחא במהרה בימינו ומלכנו בראשינו, אביה"ר
בכבוד רב
הנהלת איחוד
תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו


בס"ד
מ'זאל האבן געפועל'ט אלעס גוטס.
בראשית...
א גרויסע התחלה
נאך אזא הייליגע חודש
הייליגע דורות
הייליגע שטובער
וואס זענען מחשיב די הייליגע תורה
ובחרת בחיים


בס"ד
זמן הבחינה
יום א' לך לך
משעה: 8:00
עד שעה: 9:30
מסכת עבודה זרה
מסכת בבא בתרא
מזון הנפש
הפך בה והפך בה,
ומיצה לא תזוע


בס"ד
בית המדרש תפארת משולם ד'טאהש
נתיסדה ע"י כ"ק רבינו הקדוש זצוקללה"ה • בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א
כי עמך מקור חיים באורך נראה אור
הנגיד המפואר
מוה"ר
אלכסנדר גאלדבערגער
הי"ו
מגדולי תומכי קהילתינו הקדושה
בנדבתו החשובה להוצאות
נר למאור
לחודש חשון
לזכות ברכה והצלחה בכל ענינים
לעילוי נשמת
זוגתו האה"ח מרת פיגא בת הר"ר אליעזר ע"ה
יארצייט כ"ז חשון
ולעילוי נשמת חמיו וחמותו
הרה"ח ר' אליעזר בן הרב ישראל חיים ז"ל
חחתו מרת אסתר בת הרב משה חיים ע"ה
הגבאים

בס"ד

# אשרי עין ראתה כל אלה

שטייענדיג נאך די געהויבענע ירח האיתנים בצלא דמהימנותא קדישא
פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווען אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר
האבן בעזהשי"ת זוכה געווען מיטצולעבן די הייליגע טעג פון

## ראש השנה – יום הקדוש – חג הסוכות

און ספעציעל דעם הייליגן יו"ט

# שמחת תורה

וועלכע האט אריינגענומען אין זיך, די דערהויבענע

**תפלות, מעמדים, אמירת תשליך, עריכת השלחנות,**
**הקפות, עפל טיש, א.א.וו.**

וואס כל כולו איז געווען הטיבה אחת פון דביקות והתרוממות הנפש,
ווען מען האט זוכה געווען אנצושעפן אורות והשפעות טובות ברוחניות ובגשמיות
מלוא חפניים, וואס מ'וועט בע"ה מיטנעמען אויף א גאנץ יאהר.

דער ציבור לאלפים האט ב"ה צוגעזעהן און מיטגעהאלטן די אלע
חידושים, תיקונים ושינויים לטובה, וואס די עסקני הקהלה האבן
צוגעשטעלט לטובת ולשביעת הציבור הרחב.

**ובפרט די געוואלדיגע איבערמידליכע כוחות וואס די עסקנים האבן זיכער געמאכט אז אלע פרטים זאלן קלאפן עצהיו"ט לקראת די צווייטע טעג יו"ט, און קענען אקאמאדירן דעם ריזן ציבור אורחים ביי די געהויבענע מעמדים און הקפות.**

קומען מיר מיט א בקשה צו אנשי שלומינו:

איר האט איך סיי וועלכע

## הערות, געדאנקען, פארשלאגן

צו פארבעסערן און פארשענערן סיי וואס ארום חודש תשרי "ובפרט די צווייטע טעג יו"ט", ביטע לאזט איבער א מעסידזש אויפן ספעציעלן 'דעת הקהל' אפטיילונג אויף קול איחוד טאהש:

**718.451.8674 / 514.500.8674**
**ext. #960**

אדער שיקט אן אימעיל צו

**dasshakuhal@gmail.com**

יעדע מעסעדזש וועט בע"ה גענומען ווערן אין באטראכט,
און זיין פאר אונז א שטארקע הילף למען כבוד הציבור.



# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

נח - תשפ"ו לפ"ק

## שבת פר' וילך - שובה

בערך 15 מינוט פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע און די ליכט ביים עמוד, געצינדן די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

⬩

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרה"ח ר' אלתר אליעזר סג"ל לאווען הי"ו.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א, הרה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבערג שליט"א חדב"ן, הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א, מוה"ר יואל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך ליקוטי שושנה, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר אברהם מרדכי זילבער הי"ו, שיר המעלות הב' ני"ו ב"ר אברהם שניאור כהן הי"ו. שבח נותנים מוה"ר אלימלך ראטענבערג הי"ו פון וומסב"ג.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

⬩

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר אהרן אלעזר סג"ל יונגרייז הי"ו, שחרית האט געדאווענט הרב ישעי' דוד גראס שליט"א.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ח ר' אברהם אבא וויינבערגער הי"ו, לוי הב' הבר מצוה בן מוה"ר אברהם דוב סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג, שלישי ??, רביעי ??, חמישי מוה"ר איתמר ארגעל הי"ו ראש מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו, ששי הרה"צ רבי מרדכי יודא פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, שביעי הרה"ג ר' שמעון עוזר וואגשאהל שליט"א פון מאנסי נכד רביה"ק זי"ע, אחרון הרה"ג ר' יוסף יששכר בער סג"ל טירנויער שליט"א מנהל ישיבה קטנה.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הרה"ג ר' שמשון פויגעל שליט"א, הגבה מוה"ר ישראל סג"ל קרויס הי"ו פון קרית יואל, חבר הנהלת האיחוד, גלילה מו"ה אשר ענזיל סג"ל קרויס הי"ו.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' שמשון פויגעל שליט"א. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר שלמה מאשקאוויטש הי"ו פון קרית יואל.

⬩

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים אינאיינעם מיט די אורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הב' אלעזר ארי' סג"ל יונגרייז ני"ו.

אז ביום השביעי הרב יודא צבי האלבערשטאם שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר יואל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג, שיר המעלות הרב מרדכי יעקב סג"ל לאווי שליט"א.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⬩

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה מו"ה אלימלך זילבער הי"ו פון מאנסי, די עליות האבן עולה געווען כהן מו"ה אלימלך אהרן הערמאן הי"ו, לוי מוה"ר יואל סג"ל שווארץ הי"ו, שלישי מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה מו"ה אהרן שווארץ הי"ו משמש ביהמ"ד הגדול.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' שמשון פויגעל שליט"א.

ביי די דברות קודש האט דער רבי שטארק מאריך געווען בדברי חיזוק ומוסר, **זייענדיג מעורר צו תשובה און תיקון המעשים שטייענדיג אין שבת שובה, ארויסברענגענדיג צווישן אנדערע די וויכטיגקייט פון איינהאלטן די תקנות וואס רביה"ק זי"ע האט אוועקגעשטעלט ביים אויפבויען די שטעטל, און ח"ו**

**נישט זיין אין כלל פון א פורץ גדר, אנהאלטן די גדרי הקדושה והצניעות, זיין פרוש ומובדל פון אלע גוי'אישע זאכן, והיה מחניך קדוש, די שכינה הקדושה זאל קענען רוען צווישן אונז, און אזוי וועט רביה"ק זי"ע אונז משפיע זיין אלע השפעות טובות און א גוט געבענטשט יאר.**

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק, מוה"ר ישראל מרדכי פעלבערבוים הי"ו, הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, שיר המעלות הב' חיים אלעזר פעלבערבוים ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, נאך מעריב איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוטע וואך א גוט יאר.

דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס מוה"ר יואל טייטלבוים הי"ו פון קרית יואל, די הבדלה האט געהאלטן הב' אשר ענזיל סג"ל קרויס ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דערנאך האט דער רבי דערציילט שיחות קודש.

## זונטאג פר' האזינו

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר יואל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

נאך מעריב האט דער רבי מחדש געווען די לבנה בחצר ביתו נאוה קודש.

## מאנטאג פר' האזינו

נאכמיטאג האט זיך הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א פארבינדן טעלעפאניש מיט רבינו שליט"א, און איבערגעגעבן א גריס ווי ער האט נארוואס פארהערט תלמידי מכינה לישיבה, און זיי האבן גאר גוט געקענט. דער רבי האט זייער הנאה געהאט, און זיך באדאנקט.

פארנאכטס איז פארגעקומען די שמחת התנאים פון החתן חיים נחום ני"ו בן הרה"ג ר' נפתלי יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א מנהל מכינה לישיבה, עב"ג בת מוה"ר ישראל מרדכי פעלבערבוים הי"ו, בביתו נאוה קודש.

דער רבי האט געליינט תנאים, דערנאך געטרינקן און געוואונטשן לחיים, געטיילט שיריים פון די לקח, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן און מחותנים ובני משפחה.

## דינסטאג פר' האזינו – י"ג מידות

דער רבי האט געדאווענט סליחות פארן עמוד בהיכל ביהמ"ד הגדול, און דערנאך אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים.

צו שחרית איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' פנחס ארי' סג"ל קרויס הי"ו.

נאכמיטאג איז דער רבי ערשינען אין ביהמד הגדול צו קריאת קרבנות, דערנאך האט מען געדאווענט מנחה, צום עמוד איז צוגעגאנגען הרב אהרן אלעזר סג"ל יונגרייז הי"ו.

דערנאך איז מען ארויסגעפארן צו תשליך. הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמערלשטיין שליט"א חבר הנהלת קהלתינו הק' האט געדרייווט דעם רבי'ן.

⬥

ביינאכט האט דער רבי מנחם אבל געווען ביי הרה"ח ר' אהרן מזרחי הי"ו, וואס איז געזעצן שבעה על פטירת אביו ע"ה, דער רבי האט מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

## מיטוואך פר' האזינו – ערב יוה"ק

יום קדוש הוא מבואו ועד צאתו, מיט קדושה און התרוממות איז פארריבער די הייליגע טאג יום הקדוש בצל הקודש.

ערב יום הקדוש באשמורת הבוקר איז דער רבי אריינגעקומען צו סליחות בהיכל הכוללים, און צוגעגאנגען צום עמוד. דערנאך איז דער רבי ארויסגעקומען פון חדר הפרטי בבנין ביהמ"ד הגדול, און מקיים געווען די מנהג כפרות. הר"ר אשר לעמיל פעלבערבוים שליט"א שו"ב דקריתינו הק' האט גע'שחט'ן די כפרה, ווען פארן שחט'ן האט דער רבי בודק געווען די מעסער. דער רבי האט געמאכט די ברכה און באדעקט די בלוט, און באצאלט פארן שוחט און פאר די עוזרים ומסייעים.

פארן דאווענען איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן הרה"ח מוה"ר זיידא ישראל חיים שמעון ראטטענבערג הי"ו חבר הנהלת ישיבתינו הק' תפארת משולם פייש פון מאנסי, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

דערנאך האט מען געדאווענט תפילת שחרית בהיכל הכוללים, ווען צום עמוד איז צוגעגאנגען מו"ה יוסף חיים יצחק מערמעלשטיין הי"ו פון לאנדאן.

מיטאג צייט איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש, ווי עס איז סערווירט געווארן א סעודה פאר אלע אורחים החשובים, מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים לכבוד ערב יום הקדוש, און דער רבי האט פארטיילט שיריים פון אלע מאכלים, און געוואונטשן לחיים.

במשכ'ן טיש האט דער רבי מכבד געווען די בר מצוה בחור

צו זאגן די פשעטיל.

ביי די דב"ק האט דער רבי פארציילט בתוך דבה"ק די מעשה פונעם חייט, און די מעשה פונעם הייליגן זיידן הסב"ק זי"ע מיטן תמימות'דיגן יוד וואס האט געזאגט 'מעשה דחיים', און דערביי האט דער רבי מעורר געווען זכותים און ממליץ טוב געווען אויף כלל ישראל, אויספירענדיג בברכת גמר חתימה טובה.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הב' הבר מצוה בן מוה"ר זיידא ראטטענבערג הי"ו פון מאנסי. שיר המעלות הב' אהרן שלקי' וויינבערגער ני"ו פון פלעטבוש.

דערנאך איז דער רבי ארויס צום ציון הקדוש פון רבינו הקדוש זיעוכי"א לאמירת ספר תהלים, און צינדן ליכט.

◆

בשעה 3:30 נאכמיטאג איז דער רבי אריינגעקומען צו תפילת מנחה בהיכל ביהמ"ד הגדול, דער רבי האט געצינדן די יזכור ליכט, מיט די געזונטע ליכט, אזוי אויך די נר תמיד לע"נ רבינו הקדוש זי"ע, דערנאך געדאווענט מנחה, צום עמוד איז צוגעגאנגען מו"ה אשר אנשיל בערגער הי"ו פון קרית יואל יו"ר האיחוד. נאך מנחה האט דער רבי געצינדן די יום כיפור ליכט, און די יזכור ליכט.

## ליל יום הקדוש

א שעה און א האלב נאכן זמן איז דער רבי אריינגעקומען בהיכל ביהמ"ד הגדול, מעוטף מיט די ווייסע קיטל, די בעקיטשע פונעם הייליגן אפטא רב זי"ע, און מיט די קאפל און גארטל פון רבינו הקדוש זי"ע, און תיכף ארויף אויפן ארון הקודש, אויפגעטרעטן מיט א פייערדיגע כל נדרי דרשה, און מעורר געווען די הערצער פונעם גאנצן ציבור צו תשובה און תיקון המעשים.

נאך די דב"ק האט דער רבי ארויסגענומען די הייליגע ספר תורה, מיט וועלכע רביה"ק זי"ע האט געפראוועט זיין הייליגע עבודה פאר א יובל יארן, דער רבי האט א לענגערע צייט פארגעזאגט 'אור זרוע' און ארום געגאנגען דעם היכל ביהמ"ד הגדול, ווי יעדער האט געהאט די זכי' צו קישן די ספר תורה. דערנאך איז דער רבי צוגעגאנגען צום עמוד, און פארגעזאגט כל נדרי מיט א פלאם פייער, ווען ביי די צווי זייטן זענען געשטאנען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, והגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א.

במשך'ן דאווענען בייגאכט און בייטאג זענען מכובד געווארן די חשובי העם מיט פתיחות הארון, צווישן אנדערע הרה"ח ר' יעקב שלמה גרינוואלד הי"ו פון קרית יואל, הרה"ח ר' שלום וויינבערגער הי"ו פון פלעטבוש, הרב מאיר יעקב טעסלער שליט"א פון קרית יואל, הרה"ח ר' ישראל אלי' ברוך ענגל הי"ו פון מאנסי, הרה"ח ר' שמואל שבתי חסן הי"ו פון מאנטריאל, הרה"ח ר' יעקב סיימאן הי"ו פון לעיקוואוד.

נאך תפילת מעריב, תהלים און אדון עולם זענען מכובד געווארן מיט שירי היחוד: כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א, הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א, הרה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א, הרה"ג רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א חדב"ן מו"ץ, הרה"ג ר' אלעזר דוד קאהן שליט"א מו"ץ, הרה"ג רבי מרדכי אברהם גינזבערג שליט"א חדב"ן, הרה"צ רבי יששכר דוב משה סג"ל טירנויער שליט"א.

נאכן דאווענען אום 12:00 זענען געבליבן אין ביהמ"ד א שיינער ציבור בראשות רבינו שליט"א מיטצוהאלטן די משניות מסכת יומא פארגעלערנט דורך כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א.

## יום הקדוש

מיט עטליכע שעות שפעטער בשעה 4:50 פארטאג'ס איז דער רבי אריינגעקומען אין ביהמ"ד הגדול, און פארגעזאגט תהלים ביים עמוד.

בשעה 7:30 האט מען זיך געשעטלט דאווענען, כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א האט אנגעהויבן מיט אנעים זמירות, און דערנאך געזינגען אדון עולם, און געזאגט ברכות השחר, דערנאך האט דער רבי געזאגט די ברכות.

פסוקי דזמרה האט געדאווענט כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, צו שחרית איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א.

די עליות האבן זיך פארקויפט פאר פאנטאסטישע סכומים, די עליות עולה געווען: כהן הנגיד ר' ישראל אלי' ברוך ענגעל הי"ו פון מאנסי, מגדולי תומכי מוסדותינו הק', לוי רבינו שליט"א, נאכן עולה זיין האט דער רבי געגעבן די נאמען לבת הנולד צו הרב אשר לעמיל גוטמאן הי"ו פון קרית יואל, דערנאך האט דער רבי געמאכט א מי שברך פאר אלע תומכי מוסדותינו הק', שלישי מו"ה משולם פייש מערמעלשטיין הי"ו, דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, רביעי אב"ד קלוזש שליט"א, חמישי מו"ה שמעון ראטטענשטיין הי"ו, ששי הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט א מי שברך לחולי ישראל, מפטיר האט עולה געווען הרה"ח ר' שמואל שבתי חסן הי"ו פון מאנטריאל, הגבהות וגלילות מו"ה חיים ראטטענשטיין הי"ו פון מאנסי, הב' אלימלך פאפלאנאש ני"ו, מוה"ר אהרן אברהם פריעדמאן הי"ו טאראנטא, מוה"ר ?? הי"ו.

נאך יזכור איז דער רבי צוגעגאנגען צו תפילת מוסף, ס'איז געווען א שטארקע התעוררות ווען דער רבי האט פארגעדאווענט די עבודה פונעם כהן הגדול מיט א השתפכות הנפש.

נאכן דוכנ'ען האט מען זיך געשעטלט דאווענען מנחה, ווי כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א איז צוגעגאנגען צום עמוד, די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, לוי הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א, שלישי - מפטיר יונה הנגיד הרב מאיר יעקב טעסלער שליט"א פון קרית יואל, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה מו"ה אהרן אברהם פריעדמאן הי"ו פון טאראנטא.

פאר נעילה איז געווען א קורצע הפסקה, דערנאך איז דער רבי צוגעגאנגען צו תפילת נעילה, און געדאווענט מיט גרויס התעוררות, די גאנצע בית המדרש האט געפלאקערט מיטן פתח לנו שער בעת נעילת שער כי פנה יום. די פתיחת הארון צו נעילה איז געקויפט געווארן פאר רבינו שליט"א פאר א סכום הגון און דער רבי האט זיי אנגעוואונטשן ווארימע ברכות לרוב.

מעריב האט געדאווענט פארן עמוד הרה"ג ר' שמשון פויגעל שליט"א, תיכף נאך מעריב האט דער רבי געמאכט הבדלה אין ביהמ"ד הגדול, הגבהת הכוס איז מכובד געווארן הרה"ח ר' יעקב יחזקי' גרינבוים הי"ו פון וומסב"ג, די הבדלה האט געהאלטן מו"ה שמואל יעקב ניימאן הי"ו פון בארא פארק.

## מוצאי יום הקדוש

מוצאי יום הקדוש ארום 9:30 איז דער רבי אריינגעקומען צום געהויבענעם שלחן הטהור בהיכל הטישן.

די טיש איז אריבער גאר דערהויבן, די מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו האבן אנגעפירט מיט די לעבעדיגע שירה וזמרה, דער רבי האט זיך במשכ'ן טיש עטליכע מאל אויפגעשטעלט טאנצן.

מיט ויאתיו כל איז מכובד געווארן הרב יודא צבי האלבערשטאם שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, המבדיל הרה"ח ר' יעקב שלמה גרינוואלד הי"ו פון קרית יואל. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הנגיד ר' ישראל אלי' ברוך ענגעל הי"ו פון מאנסי, שיר המעלות הב' שאול ישראל ברוך גרינוואלד נ"י פון וומסב"ג. נאכן טיש האט דער רבי געוואונטשן א גוט קוויטל, און די געסט האבן זיך געזעגנט ביים רבי'ן.

ויום טוב הי' עושה בצאתו בשלום מן הקודש.

מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס.

## שבת פר' האזינו

בערך 15 מינוט פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע און די ליכט ביים עמוד, געצינדן די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מוה"ר יצחק אייזיק ווייס הי"ו.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: אב"ד קלוזש שליט"א, מוה"ר נחמי' צבי שווארץ הי"ו, מוה"ר חיים ראטטענשטיין הי"ו פון מאנסי, מוה"ר לוי יצחק זילבער הי"ו פון לאנדאן, מוה"ר יואל יוסף טעללער הי"ו פון לאנדאן הי"ו, הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, שיר המעלות הב' שמואל צבי טעללער נ"י. שבח נותנים הרב יחיאל לייפער שליט"א פון ירושלים.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ, שחרית האט געדאווענט מוה"ר יקותיאל צבי קליין הי"ו.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ח ר' ישעי' מתתי' קאהן הי"ו פון מאנסי, לוי מוה"ר יואל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג, שלישי הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ, רביעי מו"ה יצחק אייזיק שימאנאוויטש הי"ו און דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, חמישי מוה"ר יקותיאל צבי קליין הי"ו, ששי הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, שביעי מו"ה משה יוסף קליין הי"ו פון ק"י, אחרון מו"ה מרדכי ארגעל הי"ו.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הב' הבר מצוה בן מוה"ר יעקב אלימלך לייפער הי"ו, הגבהה הב' חיים זאב (בראא"ז) מאירוביץ נ"י פון וומסב"ג, גלילה הרב יחיאל לייפער שליט"א פון ירושלים.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' ?? שליט"א. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר יוסף חיים יצחק מערמעלשטיין הי"ו פון לאנדאן.

◆

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים אינאיינעם מיט די אורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מו"ה יעקב דוב כהן הי"ו פון בארא פארק.

אז ביום השביעי מוה"ר יעקב ברוין הי"ו פון בארא פארק, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרב יחיאל לייפער שליט"א פון ירושלים, שיר המעלות הב' וואגעל נ"י.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה הרה"ג

ר׳ יעקב קליין שליט״א מו״ץ, די עליות האבן עולה געווען ראשון מו״ה בנימין גוטמאן הי״ו, שני מוה״ר משה יצחק אליעזר פאפלאנאש הי״ו, שלישי מוה״ר החתן משה עמרם גראד נ״ו, הגבה כ״ק אדמו״ר מ׳ספינקא שליט״א, גלילה מו״ה יעקב דוב כהן הי״ו פון בארא פארק.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה״ג ר׳ חיים ברוך יודא לייפער שליט״א.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרב יעקב ישראל ברוך גוטמאן שליט״א, מו״ה משולם פייש מערמעלשטיין הי״ו, הרב אשר לעמיל גוטמאן הי״ו פון קרית יואל, מו״ה מרדכי ארגעל הי״ו.

ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה״ג ר׳ יעקב קליין שליט״א מו״ץ, שיר המעלות הב׳ ?? נ״ו תלמיד ישיבה גדולה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, נאך מעריב איז דער ציבור אריבער דעם רבי׳ן וואונטשן א גוטע וואך א גוט יאר.

דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס הרב אשר לעמיל גוטמאן הי״ו פון קרית יואל, די הבדלה האט געהאלטן הב׳ מרדכי רפאל זילבער נ״ו פון לאנדאן.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען הרה״ח ר׳ צבי זאב בערגער הי״ו צו דערציילן סיפורי צדיקים.

## זונטאג ברכה

ביי די זמני כניסה זענען אריינגעקומען אל הקודש פנימה חברי חבורת עבודת עבודה מאנטריאל, אינאיינעם מיטן ראש החבורה הרה״ג ר׳ אלכסנדר בלויא שליט״א. דער רבי האט משמיע געווען פאר זיי דברות קודש דברי חיזוק והתחזקות.

ביינאכט האט דער רבי מנחם אבל געווען דורכן טעל. משפחת ראטטענשטיין, על פטירת הרב החסיד הישיש מזקני אנ״ש ר׳ דוד מנשה ראטטענשטיין ז״ל, נכד לרבותינו הק׳ זי״ע. דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען די משפחה און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

אויך האט דער רבי מנחם אבל געווען דורכ׳ן טעל. ביי מוה״ר שמואל לייב הי״ו און מוה״ר יהושע העשיל פעלבערבוים הי״ו פון שיכון סקווירא, על פטירת אמם ע״ה. דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

## מאנטאג ברכה - ערב סוכות

פארמיטאג איז פארגעקומען ביי רבינו שליט״א די אפשערן פון בן מו״ה משה שמשון זילבער הי״ו פון מאנטריאל. דער רבי האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינד, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.


# קול איחוד טאהש



קולו בקודש מרביה״ק זי״ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט״א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו׳ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה׳ עמודים)
ובמסכת עבודה זרה (ז׳ עמודים)
בחבורת ״מזון הנפש״
41 פון די מעין מעניו


מזון הנפש
דקהל אור החיים ד׳טאהש
זכרון יהושע שלום
בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

## סדר הלימודים

במסגרת החבורת שע״י קהילתינו הק׳

### = פרשת לך לך =

| | ז׳ עמודים - מסכת הוריות | | ה׳ עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב״ק נח | ח. | ד: | חזרה | חזרה |
| זונטאג יום הבחינה | ח: | ה. | קטז: | קיג. |
| מאנטאג | ט. | ה: | קיז. | קיג: |
| דינסטאג שלש עשרה מדות | ט: | ו. | קיז: | קיד. |
| מיטוואך ערב יו״כ | י. | ו: | קיח. | קיד: |
| דאנערשטאג יום כיפור | י: | ז. | קיח: | קטו. |
| עש״ק | יא. | ז: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א׳ פרשת לך לך
מס׳ עב״ז/הוריות: סו.-ד: | מס׳ בבא בתרא: קח.-קיב:


יר״ל ע״י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד
תלמידי וחסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950


די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב׳ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג